אַלאַן מאַרשאַל האָט דאַן געוווינט אין נאָרטקאָט, אַן אַרבעטער פאָרשטאָט אין מעלבורן. איך האָב זייענדיק אויף אורלויב אים באַזוכט אין זיין איינפאַכן הילצערנעם קאָטעדזש. איך האָב אָנגעקלונגען ביי דער טיר ווו עס האָט מיך אויפגענומען א מיטליאָריקע אויסטראַלישע פרוי. אין אַ גרויסן „לאָנדזש רום" אָנגעלייגט מיט ביכער, זשורנאַלן, פּאַפּירן און מאַנוסקריפּטן איז געזעסן ביי זיין שרייב טיש אויף א „רעדל - שטול" (ווהילטשעיר) דער שמייכלדיקער, גוטמוטיקער לערער פון מיין זשורנאַליסטישן קאָרעספּאָנדענץ קורס.

אַלאַן מאַרשאַל האָט מיך פריינדלעך אויפגענומען, אַרויסגענומען די פייקע פון זיין מויל און זיך געמיטלעך אויסגעשמועסט וועגן מיין לעבן אין דער אַרמיי.

ער האָט געגלויבט אַז די מלחמה וועט נישט לאַנג דויערן. די פינצטערע כוחות וועלן באַזיגט ווערן. ער האָט מיך געפרעגט ווי אַזוי אַ ייד האָט אַזאַ ענגלישן נאָמען ווי בענעט, איך האָב אים געזאָגט אַז אויך אין פוילן איז מיין נאָמען געווען בענעט.

ער האָט פאַר ידן געהאַט א ספּעציעלן רעספּעקט און פריינדשאַפט. זיין בעסטער פריינד אין דאַן געווען (אין מעלבורן) דער יידישער ענגלישער שרייבער דזשודאַ וואַטען, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געשריבן דערציילונגען און אַרטיקלען. מאַרשאַל האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן די יידישע שרייבער הערץ בערגער און פנחס גאָלדהאַר. מען האָט שוין דאַן געוווּסט וועגן זיי אין די אויסטראַלישע שרייבערישע קרייזן. מאַרשאַל האָט געהאַט מיטלייד און דעם א. ג. „וועלט־שמערץ" פאַרן יידישן „אַנדערדאָג".

ער האָט אָנגעשריבן א צאָל פּאָפּולערע ביכער, צווישן די „איך קאָן אַריבערשפּרינגען לושעס", וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף איראָפּעאישע שפּראַכן ווי אויך יאַפּאַניש. לעצטנס איז געמאַכט געוואָרן אַ פילם אין טשעכאָסלאָוואַקיע וועגן דעם בוך.

עס איז די באַשרייבונג פון זיין לעבן ווען אַלס קינד האָט ער באַקומען פּאַליאָ, געוואָרן אַן אינוואַליד אויפן גאַנצן לעבן און זיך שטענדיק באַנוצט מיט א רעדלשטול. טראָץ דעם האָט ער געפירט אַן אַקטיוו לעבן און געמאַכט וועלט־רייזעס.

ער איז געווען אַן אויסטראַלישער שרייבער. מיט ליבשאַפט געשריבן וועגן די אָפענע ברייטע שטחים, צענטראַל אויסטראַליע מיט אירע אַבאָרידזשינעס. צוזאַמען מיט הענרי לאָוסאָן וועט אַלאַן מאַרשאַל אַריינגיין אין פּאַנטעאָן פון אויסטראַליעס שרייבערס און פּאָעטן.

Good Luck
Yours sincerely
alan Marshall

י. מ. לעווין

# דריי לידער

## אויף זיבן שלעסער

פרעגסט — ווער בין איך?
און ענטפערסט זיך אַליין —
כ׳וויס נישט!
באַקאַנט דיר דאָס געבוירן אָרט,
דער טאָג, די שטאָט,
נאָר אַנסט —
ערגעץ פאַראַן איז
נאָך אַ לבוש,
וואָס פאַר דיר פאַרהוילן איז.

אויף זיבן שלעסער פאַרשלאָסן איז
דיין בראשית;
זוכסט צו דערגיין
פון וואָס, פון וועמען דו שטאַמסט,
זוכסט דעם פונק
וואָס האָט אין דיר דיין פלעמל
אויפגעפלאַמט.

פלאָנטערסט זיך אין אַנונגען —
נאָר ס׳ווערט פון זיי נישט גרינגער.
צופּסט —
אַ שאָף פאַרלוירענע פון דער סטאַדע,
פון אומעטום אַ גרעזל —
נאָר זעטיקסט נישט דעם הונגער.

ספרים שרייבן —
דער דאַזיין איז אַ מאַסקעראַדע
מיט חוזק מאַסקעס,
טאַרבעס טרויער
און פאַלשע זינגער —
הינטער פאַרפירערישן רעגנבויגן
האַלט ס׳לעבן גרייט די טרער
מיט מאַמעס מילך
אויסגעזויגן.

## בענקשאַפט

כ׳בין אַרויס פון איינזאַמען שטיבל
ווו ס׳גריזשעט אַ מויז,
און אַ שדל
מיט קשיות עגבערט און גריבלט:
— וואָס זוכסטו ?...

איך בין אַרויס פון היימישע שוועלן
די בענקשאַפט שטילן,
בענקשאַפט נאָך דאָס —
כ׳וויס אַליין נישט — וואָס.

וווהין זאָל איך גיין
אַז גאָרנישט איז ניי.

אויף מזרח הענגען כמאַרעס
געשוואָלענע מיט רעגן;
אויף מערב טונקלט די זון
מיט בלוטיקן אויג —
אַן אלמנה פאַרוואָגלט —
בלייב איך געפּלעפט
צום אָרט צוגענאָגלט.

וווהין זאָל איך גיין
אַז גאָרנישט איז ניי!...

זאָל איך אַ שטעג באַטרעטן
נעכטן באַטראָטן ? —

הער איך —
וואָס איז דער חילוק
פון אַ דאָ ביז אַ דאָרט ?...
די וועלט איז גרויס,
דאָס שטיבל איז קליין —
אַז איןביידע
בענקשאַפט גריזשעט
ביזן ביין.

## דריי רגעס

אויפן וועג וואָס לויפט
פון בראשית ביזן אין־סוף,
האָבן רגעס דריי,
אויף אַ רגע בלויז
פאַרפלאָנטערט זיך אין געלויף.

די רגע פונעם איצט
האָט צעשריגן זיך
אויף דער רגע פון אַ רגע פריער:
דו ביסט נישט מער פון מיין מין —
ביסט אַלט — אַנט־רין!

באַלד דערויף האָט די רגע דריטע,
וואָס האָט מיט אומגעדולד געוואָרט
אויף איר ריי,
מיט אַ יונג קול
צו דער צווייטער געטאָן אַ געשריי:
גיי! — — —
ביסט יונגער פאַר דער ערשטער
נאָר אויך שוין אַלט —
מער פון דיר קיין נוץ...

איצט בין איך דער איצט.
איך בין יונג —
איך בין די קראַפט פון דונער,
און דאָס ליכט פונעם בליץ —
גיי!...

איר געשריי
געדויערט האָט אַ רגע בלויז —
זי איז באַלד געוואָרן
אַלט, קאַלט און —
אויס...

# יעדער דור צינדט זיין אייגענעם נר־תמיד

אין באַוווסטזיין פון דער שארית הפליטה איז דאָ אַ מאָנונג, וועלכע לאָזט נישט רוען. דאָס איז דער ידישער חורבן פון די היטלער יאָרן אין אייראָפּע.

אַצינד האָט די מאָנונג באַקומען אַ קאָנקרעטע פאָרם. מיר שטייען פאַר דער דערעפענונג פון דעם חורבן מוזעאום און פאָרש־צענטער אין מעלבורן.

דעם היזיקן געזואַגטן פּראָיעקט האָבן פאַרטראַכט די טוער פון „פאַרבאַנד פון די פוילישע ידן״ און ערשט די „קדימה״, מיט איר צושטייער צום פּראָיעקט — האָט דערמעגלעכט זיין פאַרווירקלעכונג.

דער מוזעאום־עקזעקוטיוו באַשטייט פון געזו. קאַצעטלער און דערפאַרענע, פאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע שאַצן אָפּ די היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם חורבן און פאָרש־צענטער.

די, וועלכע וועלן אמאָל שרייבן די געשיכטע פון חורבן־מוזעאום, וועלן אין זייער דערשטוינונג זיך אָנטרעפן אויף טרויעריקע, שטוינענדיקע פאַקטן פון אַ קעגנערשאַפט צו דעם פּראָיעקט און זיין רעאַליזירונג מצד יידן; — וועלן די געשיכטע שרייבער זיך שטעלן די פראַגע: שוין מיט 30 יאָר צוריק, זינט די שארית הפליטה איז פון אייראָפּע אָנגעקומען קיין אויסטראַליע, האָבן די חורבן־געליטענע געדאַרפט זאַמלען א ציגל צו אַ ציגל: אַ פּעני צו אַ פּעני — כדי זייערע לידן, און די לידן פון זייערע נאָענטסטע, וועלכע האָבן די באַפרייאונג נישט דערלעבט — זאָל זיך טראָגן ווי אַ „פאַראַל פון דור צו דור״. פאַרוואָס איז אַזוי נישט געשען?

פיער — זאָגט מען — לייטערט גאָלד. מיר וועגן עס אָבער נישט בכוח צו זאָגן וועגן מענטשלעכן כאַראַקטער.

די געשיכטע שרייבער וועלן עס פאַרשטיין.

מ.

ראַזיטן און אויסוואַרפן, וועלכער וועט אַרבעטן, ווי מישאַ גאָלדשטיין וועט עסן, ווי מישאַ.

דער העלד פון היינטיקן טאָג, מישאַ, האָט זיך גענומען צום עסן. ער האָט געגעסן מיט מויל און אויגן שנעל, גלייך ווי עמיצער גרייט זיך אַוועקצונעמען דאָס עסן פון אים, אַריינגעשטופּט אין מויל אַ לעפל קאַשע מיט פּוטער און פאַרביסן מיט ברויט מיט פּוטער.

ווען דער נאַטשאַלניק פון קאַווע.טשע איז אַוועקגעגאַנגען האָט דער קוכער וואַלאָדקאַ־זאַיקאַ צוגענומען ביי מישען דאָס ברויט און די קאַשע, וואָס עס איז אים נישט געלונגען אויפצועסן און געזאָגט:

— טטטעביע ככבוואַטיט מממישענקאַ (דו האָסט שוין גענוג). דו וועסט זיך קאַליע מאַכן דעם מאָגן.

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אים איבערגעפירט אין אַן אַנדערן לאַגער, וואָס האָט געהייסן אַ.ל.פּ. נומער 15 — אַ קליין אינדזעלע אין דעם גרויסן גולאַג אַרכיפּעלאַג, 200 קילאָמעטער פון אונדזער לאַגער.

איך האָב מישאַן געטראָפן ערשט אַ יאָר שפּעטער, ווען מ׳האָט מיך געשיקט אין עטאַפּ. מישאַ האָט מיך באַלד דערקענט און מיר געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר אַ לייכטע אַרבעט, „פּאַ בלאַטו״. ער אַליין האָט געאַרבעט אַלס אויפזעער פון לאַגער־קלוב און געהערט צו דער לאַגער־אַריסטאָקראַטיע, וואָס הייסן „פּרידורקי״ און ווי פריער האָט ער זיך געהאַלטן ביי זיין פּרינציפּ נישט צו אַרבעטן ביי פיזישע אַרבעט.

ווען איך האָב מישאַן געבעטן ער זאָל מיר דערציילן ווי אַזוי ער אַליין האָט אויסגעגראַבן דעם „וואָדאָפּראָוואָד״ און אויסגעפילט די נאָרמע אויף 385 פּראָצענט און איז געוואָרן אַ סטאַכאַנאָוויעץ, געגעסן ברויט מיט פּוטער און קאַשע און דער גאַנצער לאַגער האָט געפּלאַצט פון קנאה. ווען איך האָב אים דערמאָנט דעם עפּיזאָד, האָט זיך מישאַ שטאַרק צעלאַכט, כ׳האָב געמיינט ער פּלאַצט פון געלעכטער:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שמחה אויף דיר? — האָב איך אים געפרעגט.

— ווען כ׳וועל דיר דאָס דערציילן וועסטו אויך לאַכן — האָט מישאַ לאַכנדיק געענטפערט.

מישאַ האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער הערט נישט אונטער און מיר דערציילט דעם סוד, ווי אַזוי דער ראַטנפאַרבאַנד פּראָדוצירט סטאַכאַנאָווצעס:

— דער נאַטשאַלניק קאַווע.טשע, דוכט זיך, האָט געהייסן פּיעטוכאָוו? — האָט מישאַ אָנגעהויבן.

— ניין, ער האָט געהייסן קוקאַרעקין — האָב איך מישאַן אויסגעבעסערט.

— דער קוקאַרעקין האָט מיך אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט און מיך געפרעגט צי איך געדענק ווי פּוטער זעט אויס?

— איך ווייס, אַז אַזאַ זאַך עקזיסטירט, אָבער איך האָב שוין פאַרגעסן ווי עס זעט אויס — האָב איך אים געענטפערט.

— אפשר האָסטו דעם חשק צו פאַרזוכן דעם טעם פון ברויט מיט פּוטער און אַ קעסעלע קאַשע מיט פּוטער? — פרעגט מיך קוקאַרעקין.

— פאַרוואָס נישט? מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — זאָג איך.

— קענסטו האַלטן אַ סוד, נישט אַרויסלאָזן די פאַרע פון מויל, „מאַלטשאַט״! (שווייגן). נאָר דאָס פאָדערט זיך פון דיר — וועסטו עמיצן דערציילן דאָס, וואָס מאָרגן וועט מיט דיר פאָרקומען, וועסטו פאַרשיקט ווערן קיין וואָרקוטאַ, אָדער קאָלימאַ לאַגערן. גיי אין דיין באַראַק!

— און מישאַ ווענדעט זיך צו מיר אַ שעלמיש שמייכעלע אויף זיין פנים:

— זאָג־זשע מיר, מיין פריינד, וועלכער זע־קאַ (אַרעסטאַנט) וועט זיך אָפּזאָגן פון ברויט מיט פּוטער און קאַשע צוליב אַזאַ טשעפּוכאַ, ווי „מאַלטשאַטש״?

אינדערפרי, ווען מיר זענען געקומען צו דער אַרבעט, האָט איינער פון דער וואַך מיך אַריינגעפירט אין גראָבן, וואָס איז שוין געווען אויסגעגראָבן 5 מעטער לאַנג, 3 מעטער טיף און 1 מעטער ברייט און מיך געהייסן דאָרטן בלייבן אַ גאַנצן טאָג. איך האָב זיך גוט אויסגעשלאָפן דורכן טאָג און דערנאָך נאָך דער אַרבעט, האָט מיך דער זעלבער פון דער וואַך אַריינגעשטעלט אין דער ערשטער רייע, אין ערשטן פינפטל אונטערן טראַנספּאַראַנט. וואָס עס איז געשען ווייטער ווייסטו. ביסט דאָך געווען דערביי.

ווען איך האָב זיך באַפרייט פון לאַגער, אין 1950, האָט נאָך מישאַ געדאַרפט אָפּזיצן די דריי יאָר פאַר דעם „אָטקאַזטשיק״. ער איז געווען די אַלע יאָרן אַ „פּרידורעק״ און ערלעך אויסגעפירט זיין נדר זיך צו האַלטן פונדערווייטנס פון שווערע אַרבעט.

איך בין זיך מודה, אַז איך אַליין בין אין לאַגער עטלעכע מאָל אויך געווען אַ „פּרידורעק״ — געאַרבעט אין אַ קאַנטאָר. אַדאַנק דעם, וואָס איך בין געווען אַ „פּרידורעק״ קען איך היינט באַשרייבן די געשיכטע פון דעם גרויסן סאָוויעטישן אַרבעטס־העלד און סטאַכאַנאָוויעץ מישאַ גאָלדשטיין.

●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●●

צ. שטראַוך

# מײַן פאָלק

— אַ גאָט! פאַרוואָס שטראָפסטע אונדז אַזוי פיל  
דאָס אויסדערוויילט פאָלק אין דיין גייסט  
וואָס יעדער פון אונדז אין דיינע דרכים גיין וויל  
ברענג אונדז האָפענונג אַ שענערע וועלט און טרייסט.

צי זענען מיר שולדיק אין אַלעם ס׳רוב?  
מיין האַרץ ווייטיקט ווען דיר מיין פאָלק  
איך בין דאָך דאָס קינד פון תשעה־באב  
וואָס טילט דעם ווייטיק און דיין פולע וואָרג.

שפערלינג האט טאקע שווער געארבעט, ממש איבער די לעצטע כוחות און באקומען די קלענסטע פייקע ברויט. איך האב אים נישט איינמאל געווארנט:

— „פאניע מעצענאשע", וועסט זיך גיך ארויסענדיקן ... אבער רעד צו דער וואנט.

— די ענגלענדער וועלן קומען און דער „וואדאפראוואד" וועט נישט זיין פארטיק צוליב שפערלינגן — איז געווען זיין ענטפער.

ער איז אין קורצן אריינגעפאלן אין לאגער־שפיטאל. ער איז קראנק געווארן אויף דער פאפולערער לאגער־קראנקהייט פעלאגרע. אין שפיטאל האבן שוין די סאניטארן צוגעטראכט, אז שפערלינג זאל זיך וואס גיכער געפינען אין „מארג" און די זאלן קענען ארויסרייסן די צוויי גאלדענע קאראנקעס.

איינמאל, ווען מיר זענען אנגעקומען אויפן ארבעטס־ארט צום „וואדאפראוואד", האב איך באמערקט, אז מישא גאלדשטיין איז ערגעץ פארשוואונדן געווארן. ער איז דאך ארויס מיט אונדזער בריגאדע. איך האב אים געזען אויפן „ראזוואד" (ארויסגעפירט צו דער ארבעט). דער בריגאדיר האט נישט באמערקט, אדער זיך נישט וויסנדיק געמאכט, אז מישא איז נעלם געווארן. פארנאכט ביים צוריקפירן אין דער זאנע פון דער ארבעט האט מען אונדזער בריגאדע, נישט ווי געוויינטלעך געשטעלט די לעצטע אין דער לאנגער קאלומנע, נאר געשטעלט פארויס אין דער ערשטער ריי. נאר פיר ארעסטאנטן זענען געשטאנען אין דער ערשטער רייע פון דער בריגאדע, אנשטאט פינף. מ'האט געבראכט א טראנספארט, א רויטע שמאטע אויף צוויי לאנגע שטעקנס און „מ'האט געגעבן די שטעקנס צו האלטן צוויי ארעסטאנטן פון דער ערשטער רייע. אויף דער רויטער שמאטע זענען מיט גרויסע ווייסע אותיות געווען אויפגעשריבן א לאזונג:

„סלאווא סטאכאנאווצו מיכאילו גאלדשטיינו,
וויפאלניאוושי נארמו וויראבאטקי נא 385 פראצענטאוו".

(ערע דעם סטאכאנאוויעץ מיכאיל גאלדשטיין, וועלכער האט אויסגעפילט דעם פלאן אויף 385 פראצענט).

מ'האט געבראכט דעם חתן, וואס ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס איז געווען מישא גאלדשטיין און מ'האט אים אריינגעשטעלט צווישן די צוויי, וואס האבן געטראגן דעם לאזונג, ווי א חתן אונטער א חופה. ווי איז דאס מעגלעך? — האב איך געטראכט — אז מישא גאלדשטיין, דער כראנישער „אטקאזטשיק" זאל מאכן אזא קונץ, אליין אויסגעגראבן א קאנאל 5 מעטער לאנג, 3 מעטער טיף און 1 מעטער ברייט. מסתמא האט אים א מלאך געהאלפן.

חער העלד פון טאג, דער סטאכאנאוויעץ מישא, איז געגאנגען שטאלץ מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ, וואזשנע, ווי עס פאדערט זיך פון א העלד.

קומענדיק אין לאגער האט מען די ארעסטאנטן נישט אריינגעלאזט אין די באראקן. מ'האט אלע געהייסן שטיין אין א גרויסן קרייז, אין מיטן איז געשטאנען א טישל מיט א בענקל. אויף דעם בענקל האט א וועכטער אנידערגעזעצט מישאן. באלד איז געקומען דער קוכער, וואלאדקא ־ זאאיקא, דער שטאמלער, וועלכער האט געבראכט פיר פענעצער ברויט, אנגעשמירט מיט פוטער, מער פוטער ווי ברויט, און א קעסעלע קאשע מיט פוטער און אנידערגעשטעלט אויפן טישל. ווען מישא האט זיך געוואלט נעמען צו דער אכילה האט אים דער קוכער געזאגט:

— פפפאדאדזשי (ווארט אביסל), נננאטשאלניק ... — איידער וואלאדקא ־ זאאיקא האט געענדיקט די פראזע איז שוין דער נאטשאלניק „קא.ווע.טשע." (קולטור־אפטיילונג) קוקארעקין שוין געשטאנען נעבן מישאן. ער האט געהאלטן א לאנגע רעדע פאר די ארעסטאנטן און דערוויל איז מישא אדורכגעגאנגען טאנטאלס יסורים קוקנדיק אויפן ברויט מיט פוטער און קעסעלע קאשע. איך גיב איבער די רעדע ווארט ביי ווארט:

— איר פארברעכערס קעגן דער סאוועטישער מאכט, איר קאנטער־רעוואלוציאנערן, שפעקולאנטן און אנדערע אויסוווּרפן, איר זיצט אין טיפן הינטערלאנד, ווייט פון פראנט און פרעסט בחינם סאוועטיש ברויט און אין דער זעלבער צייט, ווען אונדזערע העלדישע רויטע ארמיי בלוטיקט אויף די פראנטן אין א שטערבלעכן קאמף קעגן די פאשיסטיש ־ דייטשישע אגרעסארן. יעדער איינער פון אייך, קאנטריקעס און שפעקולאנטן, מוז אויסקויפן זיינע שווערע זינד קעגן דער סאוועטישער מאכט מיט שווערע ארבעט צו העלפן דעם פראנט און די אומבאזיגבארע רויטע ארמייער צו צעשטערן די היטלעריסטישע בעסטיע.

און וואס טוט איר, איר פארברעכער? — איר פארעמט זיך אויף דער זון און שפילט אין קארטן. ווער וועט אויסגראבן דעם „וואדאפראוואד"?! — פושקין? — ווער וועט אויפבויען דעם זשיל־גאראדאק?! פושקין? א רוח אין אייער טאטע־מאמע! צווישן אייך, קאנטר־רעוואלוציאנערן, אויסוווּרפן און שפעקולאנטן האט זיך געפונען איין ארנטלעכער סאוועטישער מענטש, וועלכער האט אויפן רוף פון באליבטן און קלוגן פירער פון אלע פעלקער, חבר סטאלין, געענטפערט מיט א פאטריאטישן און העלדישן טאט, אויספירנדיק די נארמע אויף 385 פראצענט. דא זיצט ער דער זיגער, דער סטאכאנאוויעץ מיכאיל גאלדשטיין, דער געוועזענער פארעקשנטער „אטקאזטשיק" און פאראזיט, וועלכער האט פארשטאנען, אז מיט „בור", איזאלאטאר און קארצער וועט ער ווייט נישט פארפארן. ער קען נאר דערמיט דערגיין ביז לאגער־שפיטאל און פון דארטן איז שוין א קורצער וועג צום „מארג".

עס איז נישט קיין צופאל, וואס דער סטאכאנאוויעץ מיכאיל גאלדשטיין איז פון א פאראזיט און „אטקאזטשיק" געווארן א ביישפיל ווי אזוי מ'דארף ארבעטן. ער האט באקומען זיין לאגער־שטראף פאר פארברעכערישע מעשים קעגן דער סאוועטישער מאכט און תשובה געטאן נאר מיט שווערע ארבעט. עס מישא, דאס ברויט מיט פוטער און קאשע מיט פוטער און זאל דיר ווויל באקומען! דו האסט דאס ערלעך פארדינט! יעדער איינער פון אייך פא־

טישער קינאָמאַטאָגראַפיע. צי איז ער געווען אַ רעזשיסאָר צי אַ סטאַטיסט — ווייס איך נישט. ער איז געזעסן לויטן אַרטיקל פון שטראָף־קאָדעקס ס.אָ.ע. דאָס הייסט „סאָציאַלנאָ אָפּאַסני עלעמענט" (סאָציאַל געפערלעכער עלעמענט).

אַ מענטש מיט אַזאַ אַרטיקל איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און מוז זיין איזאָלירט פון דער געזעלשאַפט, ווי אַ קרעציקער ער זאָל נישט אָנשטעקן די געזונטע „האָמאָ סאָוויעטיקוס" מיט אַנטי סאָציאַלע געפילן.

וואָס פאַר אַ פאַרברעכן מישאַ האָט אָפּגעטאָן, פאַרוואָס ער האָט באַקומען 8 יאָר לאַגער — ווייס איך נישט. זיין פרוי האָט אים געשיקט אַ גט אין דער טורמע אַריין מיט אַ קליינטשיקע פאָטאָגראַפיע פון זייער פינף־יאָריק טעכטערל סוועטלאַנאַ.

קומענדיק אין לאַגער אַריין, האָט מישאַ גאָלדשטיין זיך געגעבן אַ נדר, אַז פאַר דער צייט פון זיין „סראָק", וועט ער זיך נישט צורירן צו קיין קירקע און לאָפּאַטע. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מ'האָט אים אַריבערגעפירט אין אַ „שטראַפנאַי" בריגאַדע, אין „בור", וווּ דער בריגאַדיר האָט דאָס רעכט צו ברעכן שטעקנס אויף די פלייצעס פון די אַרעסטאַנטן, ווען זיי אַרבעטן נישט ווי ס'געהערט צו זיין. אָבער מישאַ גאָלדשטיינען האָט ער נישט געטשעפּעט. ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ שטיקל פערזענלעכקייט מיט דעם בערעט און דער באָרד און וואָנצעס וואָס האָבן אַרויסגערופן דרך ארץ צו זיך. כאָטש מישאַ האָט נישט געאַרבעט האָט ער פאַרט באַקומען די גרעסטע פּייקע ברויט.

האָט דאָס, מסתמא, פאַרדראָסן אַנדערע אַרעסטאַנטן, וואָס אַ „זשיד" טוט גאָרנישט און באַקומט 900 גראַם ברויט, האָט דער בריגאַדיר געבעטן מישאַן ער זאָל עפּעס טאָן, האָט מישאַ אים געזאָגט: לא מיט אַן אלף. דער בריגאַדיר האָט ראַפּאָרטירט צום לאַגער־נאַטשאַלניק, אַז מישאַ איז אַן „אָטקאַזטשיק". דאָס וואָרט „אָטקאַזטשיק" איז אַ פּראָדוקט פון סאָוויעטישן לאַגער. אַן „אָטקאַזטשיק" איז אַן אַרעסטאַנט, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו אַרבעטן. האָט מען מישאַן איינגעזעצט אין איזאָלאַטאָר אויף 10 טעג. אַן איזאָלאַטאָר איז אַ קליין לאַגערל אין גרויסן לאַגער, וווּ מ'לעקט אויך נישט קיין האָניק. ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט מען מישאַן איינגעזעצט אויף 10 טעג אין קאַרצער. ווי אַזוי ער האָט אויסגעהאַלטן דעם קאַרצער און איז אַרויס אַ געזונטער איז טאַקע אַ גרויס וווּנדער. פון קאַרצער איז ער אַריין אין „בור" און נאָכאַמאָל אין איזאָלאַטאָר און ווידער אין קאַרצער.

ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן און מישאַ גאָלדשטיין האָט זיך געהאַלטן ביי זיין נדר, ביי זיין פּרינציפּ.

האָט די נאַטשאַלסטווע געזען, אַז דער פאַרעקשנטערע „אָטקאַזטשיק" דעמאָראַליזירט דעם גאַנצן לאַגער אַרעסטאַנטן: רייסט אַרונטער דעם אויטאָריטעט פון „גולאַג" און פון דער גאַנצער סאָוויעטישער מאַכט, האָבן זיי באַשלאָסן צו לערנען מיט מישאַן אַ לעקציע, ער זאָל האָבן צו געדענקען: זיי האָבן אַרויסגערופן פון דער אָבלאַסטנאַי שטאָט אַ פּראָקוראָר. ער זאָל משפּטן דעם „אָטקאַזטשיק" כדת סטאַלין וגולאַג. איז געקומען אין לאַגער אַן ענקאַוועדיסט, אַ פּראָקוראָר, אַ קליין יידל מיט אַ לאַנגער נאָז. ער האָט מיטגעבראַכט אַ סעקרעטאַרשע מיט אַ שרייב־מאַשינדל. מ'האָט אַריינגעטריבן אין לאַגער־קלוב אַזויפיל אַרעסטאַנטן, וויפל דער זאַל האָט געקענט אַריינעמען: — „נאַ. זעט וואָס עס דערוואַרט אַן אָטקאַזטשיק!"

דער משפּט האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס געדויערט אָנצושרייבן אַ פּאָר שורות: אַזעלכער און אַזעלכער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו 3 יאָר לאַגער פאַר אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט. מישאַ גאָלדשטיין האָט געהאַט מזל, וואָס דער פּראָקוראָר - ענקאַוועדיסט איז געווען אַ ייד, דאָך אַ ייד, אַ יידיש האַרץ. ווען דער פּראָקוראָר וואָלט געווען אַ רוס, אָדער אַן אוקראַינער וואָלט מישאַ געקריגן פינף, אָדער — ווער ווייסט — צי נישט אַ גאַנצע „קאַטיושקע", אַ צענערל. איצטער האָט מישאַ געהאַט אַ פּעקל פון גאַנצע עלף יאָר לאַגער.

נאָך דעם משפּט האָט מען מישאַן איבערגעפירט צוריק אין דער בריגאַדע 38. מיר האָבן געגראָבן אַ קאַנאַל 15 קילאָמעטער לאַנג, 3 מעטער טיף און 1 מעטער ברייט. דאָס האָט מען גערופן „וואָדאָפּראָוואָד". דאָס וואָרט „וואָדאָפּראָוואָד" האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע אַרעסטאַנטן. דריי טויזנט אַרעסטאַנטן, געוויינטלעך פּאָליטישע, האָבן געגראָבן דעם קאַנאַל. טויזנטער אַרעסטאַנטן זענען געשטאָרבן פון קאַטאָרזשנע אַרבעט און דער גולאַג האָט געשיקט נייע עטאַפּן. ווען עטלעכע הונדערט מעטער זענען אויסגעגראָבן געוואָרן, האָבן פאַרשיקטע רוסישע דייטשן, וואָס האָבן געוואָלט, אַז היטלער זאָל אויך הערשן איבער רוסלאַנד, געלייגט רערן און די אַרעסטאַנטן האָבן פאַרשיט דעם קאַנאַל.

מישאַ איז זיך געזעסן אויפן גראָז, געוואָרעמט זיך אויף דער זון, אָדער שעהן לאַנג געקוקט אויף דער קליינטשיקער פאָטאָגראַפיע פון זיין טעכטערל סוועטלאַנאַ.

דער בריגאַדיר, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געשפּילט אין קאָרטן, האָט מישאַן נישט געטשעפּעט און אים געגעבן די גרעסטע פּייקע ברויט. האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן דעם „פּאַן מעצענאַס" שפּערלינג, איז ער אָנגעפאַלן אויף מישאַן:

— פאַרוואָס אַרבעטסטו נישט?! — האָט געזאָגט דער „פּאַן מעצענאַס" — דו דאַרפסט וויסן, אַז מיר גראָבן דעם קאַנאַל נישט פאַר די רוסן, נאָר פאַר די ענגלענדער. זיי וועלן דאָ זיין אַ ליאַדע טאָג.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס „פּאַן מעצענאַס"? — האָט אים מישאַ געפרעגט.

— וואָס הייסט פונוואַנען איך ווייס? איך האָב דאָך אַליין געהערט ווי דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט דעם „כלעבאָרעז", אַז די ענגלענדער זענען שוין אין אַשכאַבאַד.

האָט אים מישאַ געענטפערט מיט אַ פירשטאָקיקן „מאַט" און באַגלייט דעם „מאַט" מיט אַ קאָפּע מחילה, אין הינטן אַריין, אַז דער „פּאַן מעצענאַס" האָט זיך באַלד געפונען אין גראָבן.

נאַטירלעך און צוגעפּאַסט צו דער סביבה און גייסטיקן ניווא פון געגעבענעם העלד. עס איז דעריבער נישט פאַרשטענדלעך פאַר וואָס דאָס וואָרט PRECIOUS (טייערע, זעלטענע) חזרט זיך איבער אין אַ סך דערציילונגען, און אין איניקע — אַפילו מערערע מאָל — ספּעציעל אין דער ערשטער דערציילונג, וועלכע איז די פּערפעקטסטע ליטעראַרישע שאַפונג אין בוך. כאָטש מיר שטויסן זיך אָן וועגן דעם לעצטן סך־הכל, האַלט די שפּאַנונג אָן ביז צום סוף.

איבערחזורונגען פּאַסירן אָפט ביי שרייבער, ביי וועמען דער וואָקאַבולאַר איז אַ באַגרענעצטער. זיי שרייבן צו ערשט איינצלנע זאַכן, און שפּעטער נעמען זיי עס צוזאַמען אין אַ בוך.

מיט אַ צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַ בוך פון אַ יידישן שרייבער — ער רופט עס אָן עסייען, כאָטש זיי זענען מער ענלעך צו איבערדערציילונגען פון אַנדערע ביכער — און דאָרט האָב איך געטראָפן איין וואָרט וואָס האָט זיך איבערגעחזרט 28 מאָל. (מער האָב איך נישט געהאַט קיין געדולד צו ציילן).

דער שענסטער אויסדרוק הויבט אָן ווערן באַנאַל און דענערווירנדיק צוליב די אָפטע איבערחזורונגען.

ליבערמאַן איז נישט נאָר אַ פיינער בעלעטריסט, נאָר אויך אַ ביכער־רעצענזענט. אָבער דאָ קאָן שוין נישט גילטן דאָס געזעץ פון שעפערישער פרייהייט, ווען דער מחבר פאַרמירט אויס העלדן לויט זיין איינזען און אין דער פּערספּעקטיוו, ווי ער זעט זיי. אין קריטיק פאַרפליכטן געוויסע מאָראַלישע און עטישע כללים, ביי וועלכע אַ שרייבער (אויב ער וויל מען זאָל אים נעמען ערנסט) מוז זיך האַלטן.

אייגנטלעך קאָן מען דאָ אַרויסרוקן די זעלבע טענות, וועלכע מען האָט צום פּראָפ. באַיטאַן וועגן פּראָפעסיאָנעלער עטיק, ספּעציעל ווען עס האַנדלט זיך וועגן רעצענזיעס איבער יידישע ביכער.

דאָס איז בלויז אַ דרך־אגבדיקע באַמערקונג פון אַן עלטערן שרייבער צו אַ יונגן קאָלעגע, וועלכן מען קאָן פאַרויסזאָגן אַ חשובן אָרט אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור.

סערזש ליבערמאַן פאַרמאָגט אַלע קוואַליטעטן פון אַ גוטן שרייבער, ווי ער האָט עס באַוויזן אין זיינע צוויי ביכער און אין די ליטעראַרישע אַרטיקלען אין „מעלבורן קראָניקל“.

כדי דאָס שאַפן זאָל ברענגען רייפע פרוכטן, דאַרף די ליטעראַרישע אָריענטאַציע גיין אין דער טיף און נישט אין דער ברייט. אין דער ברייט זעט עס זיך טאַקע מערער אָן, אָבער פון דער טיף שטראָמט דאָס וואָגיקייט פון ווערק.

---

ל. אַלשינאַ

# דער סטאַכאַנאָוויעץ מישאַ גאָלדשטיין

(אַ בילדל פון סאָוויעטישן לאַגער)

מיר זענען געווען דריי יידן אין דער בריגאַדע נומער 38. איך, דער מחבר פון דער דערציילונג, פאַן מעצענאַס שפּערלינג, און מישאַ גאָלדשטיין. שפּערלינג האָט געשטאַמט פון לוואָוו, וווּ ער האָט פאַר דעם קריג שטודירט אויף אַן אַדוואָקאַט.

אין 1942 האָט ער זיך געוואָלט אַדורכשמוגלען מיט דער פּוילישער אַרמיי קיין איראַן. ער האָט געשמירט די פּוילישע מעדיצינישע קאָמיסיע מיט אַ גאָלדענעם זייגער און מיט „גרינע“. ער האָט, חס־וחלילה, נישט געהאַט קיין יידישן אויסזען און אויך גערעדט אַ גוטן פּויליש. און פונדעסטוועגן נאָך די אַלע גליקן, האָט זיך שפּערלינגען נישט איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן זיין יידישקייט און ער האָט באַקומען א צעטל מיט דער קאַטעגאָריע „ע“, דאָס הייסט, אַז דו ביסט אַ קאַליקע, טויגסט שוין אינגאַנצן צו גאָרנישט, כאָטש לייג זיך לעבעדיקערהייט אין דער ערד אַריין, כאָטש ער איז געווען געזונט, ווי אַ פערד. די פּוילישע מעדיצינישע קאָמיסיע האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין יידן אין דער פּוילישער אַרמיי און דערפאַר איז שפּערלינג געבליבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

די נ.ק.וו.ד. האָט אים דערנאָך אַרעסטירט און נאָך אַ יאָר אויספאָרשונג אין טורמע האָט ער באַקומען 10 יאָר לאַגער פאַר פאַרראַטן דאָס סאָוויעטישע פאָטערלאַנד.

געקומען איז ער אין לאַגער אַן אויסגעדאַרטער, הויט און ביין, אויסגעמאַטערט פון הונגער און שלאָפלאָזיקייט און מיט צינגאַ. די ציין האָבן זיך ביי אים געשאָקלט, אַ חוץ די צוויי אויבערשטע, וואָס האָבן געהאַט גאָלדענע קאָראָנקעס, ווי איינער זאָגט אויף אונדז קענסטו זיך פאַרלאָזן.

ווען שפּערלינג האָט געפאָדערט פון מיר, אַז כ׳זאָל רעדן מיט אים נאָר פּויליש און זיך ווענדן צו אים נישט אַנדערש ווי „פאַן מעצענאַס“ און ווען איך האָב באַמערקט אויך אַנדערע מאָדנע פירונגען זיינע, האָב איך אים באַטראַכט אַלס מענטש, וואָס איז אַ ביסל צעדרייט. איך האָב געהאַלטן אַן אויג אויף דעם „פאַן מעצענאַס“ ער זאָל נישט אָפּטאָן קיין נאַרישקייט, פאַר וועלכן מ׳קען אַמאָל באַצאָלן מיט לעבן.

דער דריטער יידישער אַרעסטאַנט אין אונדזער בריגאַדע איז געווען מישאַ גאָלדשטיין. ער איז געווען אַ רוסישער ייד פון לענינגראַד מיט אַ קליין בערדל און וואָנצעס אַלאַ טאַראַס בולבאַ. אויפן קאָפּ א בערעט, אין אים איז ער אויך געשלאָפן. א מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, אַ בלאָנדער און ווי אויף צו להכעיס האָט ער אויסגעזען, ווי אַן אוקראַאינער. אַ געזונטער, נישט פון די שרעקעוודיקע. ווען נישט דער נאָמען וואָלט קיינער נישט געזאָגט, אַז מישאַ גאָלדשטיין איז אַ ייד.

אויף דער פריי האָט ער געאַרבעט אין דער סאָוויע־

מ. אײזענבוד

# די וועלט — דורך די אויגן פון אַ דאָקטער

SERGE LIBERMAN: "A UNIVERSE OF CLOWNS"
PHOENIX PUBLICATIONS, BRISBANE, 271 p''p.


ד״ר סערדזש ליבערמאַן

דער טאַלאַנטירטער דערציילער, וואָס איז אַ דאָקטער מעדיצין — זעט די וועלט דורך דער פּריזמע פון זײַן וואַרטע־צימער; פון שפּיטאָל; פון אַלטן היים...

די קראַנקע קומען צו אים נישט נאָר מיט זייערע פיזישע לײַדן, נאָר אויך מיט זייערע גײַסטיקע ווידעראַנאַנדן, אַז צו וויסן — אַז דער דאָקטער ראַנגלט זיך אַליין מיט גײַסטיקע פּראָבלעמען.

דאָס בוך פאַרמאָגט זעכצן דערציילונגען. שוין אין דער ערשטער דערציילונג האָבן מיר די אַלע פראַגן, וועלכע עגבערן דעם מחבר, און זייער פאַרענטפערונג פּרובירט ער אילומינירן דורך די דיאַלאָגן און האַנדלונגען פון זײַנע העלדן.

דאָס זענען: מאָראַל און פּראָפעסיאָנעלע עטיק. (פּראָפ. באַיטאָנס ליבע מיט אַ פּאַציענטין, וועלכע ער באַקענט אין שפּיטאָל); גאָט און געטלעכקייט: קאָן אַ וויסנשאַפטלער גלויבן אין גאָט? (פּראָפ. באַיטאָן) גאָט — ווי די איינציקע האָפענונג (עליזאַבעט, זײַן קראַנקע געליבטע), דער גאָט צו וועלכן זײַנע העלדן קערן זיך צוריק אויף דער עלטער — איז עס דער זעלבער גאָט, וועלכן זיי האָבן פאַרלאָזן אין דער יוגנט? איז גאָט און גלויבן אידענטיש? (די אַלטע באָבע אין אירע געשפּרעכן מיטן אייניקל).

די ערשטע דערציילונג שילדערט דעם פּראָפעסאָר, וואָס געפינט אָפּ זײַן פאַרגאַנגענע יוגנט — און די מענער־קראַפט — דורך דער ליבע מיט דער פינפאונצוואַנציק יאָריקער עליזאַבעט, און איז מקריב זײַן קאַריערע (אַזוי פאַרלאַנגט די פּראָפעסיאָנעלע עטיק), הגם ער ווייס: דער אָביעקט פון זײַן ליבע לײַדט פון אַן אומהיילבאַרער בלוט־קראַנקהייט. איז אַ רגע גליק (פּראָפ. באַיטאָן רופט די רגע אָן — די פינפאונצוואַנציקסטע שעה אין מעת־לעת) ווערט דעם קרבן פון אַ וויסנשאַפטלעכער קאַריערע? די פאַראַכטונג פון זײַן אייגענעם זון?...

אין דער זעקסטער דערציילונג קערט זיך דער מחבר ווידער צו דעם וויכוח. אויך דאָ שטייט דער דאָקטער פאַר דער דילעמע: קאָן ער אָננעמען די ליבע פון דער אָנגעשטעלטער אין זײַן ביוראָ, וואָס איז צוואַנציק יאָר ייִנגער פון אים? פון צופיל ספיקות און אַרגומענטאַציע — פאַרשפּעטיקט דער דאָקטער און בלײַבט אַן אַנטוישטער, ווײַל אינצווישן האָט שוין עמיצער אַנדערש פאַרנומען זײַן אָרט.

אויך די אַרטיסטקע (מאָסקווע!, מאָסקווע!) וואָס האָט נאָך אַ קורצער, נאַאיווער ליבע פאַרשוואַנגערט — איז פאַרנומען מיט שלום מאַכן מיטן אייגענעם געוויסן — שטייענדיק פאַר דער אַלטערנאַטיוו: אויפגעבן איר אַרטיסטישע קאַריערע וועלכע איז ערשט אין סטאַדיע פון זיך אַנטוויקלען, אָדער: אומברענגען דאָס לעבעדיקע וועזן, וואָס נעמט וואַקסן אין איר...

און אַזוי פירט אונדז דער דאָקטער פון שפּיטאָל און וואַרטע־צימער צו דער לעצטער סטאַדיע — צום אַלטן היים...

מיט וואַרעמקייט שילדערט דער מחבר צוויי פּאָעטן: דעם קאַרלטאָנער שוסטער וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ פאַרמעגן: העפטן מיט לידער. אין זיי געפינט דער מחבר דעם שוסטערס פילאָסאָפישן בליק אויף דער וועלט, אויפן אָרט פון מענטש אין דער וועלט, און ער בלײַבט פאַרווונדערט: ערגעץ־ווו האָבן די לידער אין זיך קאַפקעס געדאַנקען, און אויך פון אַנדערע פּעסימיסטישע פילאָסאָפן.

דער צווייטער פּאָעט — אייגנטלעך — אַ נאָך נישט דערגאַנגענער פּאָעט — איז שרגא שטייער. דורך דעם ביכל לידער האָפט ער צו לאָזן אויף דער וועלט עפּעס פון זײַן גײַסטיקן מהות. ער איז אויפן וועג צו זײַן טאָכטער — ווו ער רעכנט צו געפינען פאַרשטענדעניש און הילף. ער טרעפט אָבער אָן פאַרצווייפלונג: די טאָכטער איז פאַרמשפּט צו קינדערלאָזיקייט. אין אָנבליק פון דער טאָכטערס טראַגעדיע, זעט אויס שרגא שטייערס דראַנג צו אומשטערבלעכקייט — ביז גאָר נישטיק.

יעדע דערציילונג איז אַ וועלט פון קראַנקהייטן; אַפּאַטיע; גלײַכגילט; אָרעמקייט און טראַגעדיע. נישטאָ דער דראַנג צו קעמפן קעגן גורל, נאָר ווילנלאָזער אונטערגעבן זיך.

דאָס איז שוין דאָס צווייטע בוך דערציילונגען פון סערזש ליבערמאַן. ביידע פאַרמאָגן דערציילונגען פון אימיגראַנטישן לעבן — וואָס זענען ענלעך צו זיך מיט דער פּסיכאָלאָגישער רעאַקציע צום נייעם לאַנד — אויסטראַליע — געזען דורך די אויגן פון אַן אימיגראַנטיש ייִנגל און פון זײַן מאַמען.

די מאַמע איז איינע פון די זעלטן גאַנצע טיפן, וועלכע לײַדט נישט פון קאָמפּלעקסן, צוליב נישט באַפרידיקטע טרוימען. זי האָט געפונען דאָס, וואָס זי האָט דערוואַרט: איר פּאָרטרעט איז געצייכנט מיט צאַרטע שטריכן פון יראת הכבוד און דרך־ארצדיקן אַרויפקוקן.

אייגנאַרטיק איז דער טעמפּאָ פון שרײַבן. דינאַמיש, קלאָר, דורך שאַרפע, קורצע כאַראַקטעריזאַציעס. דאָס איז שוין אייגענער סטיל פון אַ יונגן, מאָדערנעם שרײַבער.

ליבערמאַן פאַרמאָגט אַ שיינע און רײַכע ליטעראַרישע שפּראַך און איז אַ מייסטער פון דיאַלאָגן, וועלכער פליסט

זיך מיר אַזוי אַ צוקערל״. און דאָס האַרץ ווערט צעבראָכן מחמת מיר האָבן אַפילו קיין צוקערל נישט אויף מחיה צו זיין דאָס אָרעמע קינד. און דער שרייבער פון דער צוואה וויל אַזוי לעבן כדי „צו דערלעבן די גליקלעכע צייט, צו זען די ברידער פון ליידן באַפרייט״. לעת־עתה ווייס ער אַז „ער מוז פאַלן על קידוש השם״, און דעריבער ווידמעט ער אונדז זיין צוואה אין „קלינגענדיקע לידער״.

מיט אָט־דער צוואה ווערט יאַשע ראַבינאָוויטש לעגענדע און סימבאָל און ס׳איז בסדר וואָס „די צוואה״ איז נישט דער עפּילאָג, נאָר דווקא דער פּראָלאָג צו דער זאַמלונג. און ס׳איז משמעות נישט קיין צופאַל וואָס די זאַמלונג פאַרענדיקט זיך מיט אַ ליד, מונטער און שטאָלץ, „עם ישראל חי״, פון דעם פּאָעט און דערציילער משה קנאַפּהייס, וואָס איז פון די ניצול־געוואָרענע, און וווינט איצט אין אַרגענטינע (דער קאָמפּאָזיטאָר איז געווען ש. בערעזאָווסקי). דער פּאָעט האָט געשריבן דאָס ליד אין די פּליטים־לאַגערן, און דאָס ליד האָט געפלאַטערט און געשאַלט פון לאַגער צו לאַגער, אַ שירה פון ידישער אייביקייט: „ווידער וועט דאָס לעבן אויפגיין״, נישט בלויז צוליב עקזיסטירן, ווי אַ זאַך אין שטח, נאָר צוליב פאָלקישן קיום, ווי אַ היילונג פאַר די וואונדן, און כדי אַ תיקון געבן „אַלץ וואָס איז פאַרביי״.

„עם ישראל חי״ איז אַ רמז אויפן ייִדישן וואַנדער־וועג און וווּנדער־וועג אין דער געשיכטע, און ס׳איז אַ ראיה אַז אַלע פורעניותן און אַלע רדיפות זענען נישט געווען בכוח צו באַזיגן ייִדישע אייביקייט, אַז דער פייער פון דעם סנה, פון דעם דאָרן, וואָס משה האָט געזען אין מדבר, איז פאַרט געווען שטאַרקער פונעם פייער פון די שייטער־הויפנס פון דער אינקוויזיציע, פון די נאַצי־דייטשישע קרעמאַטאָריעס, און ברענט און באַלייכט ייִדישע אייביקייט. צווישן דעם פּראָלאָג, „די צוואה״, און דעם עפּילאָג, „עם ישראל חי״, זענען דאָ לידער אין וועלכע פרייד און טרויער מיניען זיך. לידער וואָס פינקלען מיט די טרערן — די הייליקע און רירנדיקע טרערן — פון איבער אַ מיליאָן קינדער, פון פינף מיליאָן מאַמעס און טאַטעס, ברידער און שוועסטער, וואָס דער פייער פון די אויוונס האָט יאָ פאַרצוקט, און פאַר דעם איז נישטאָ קיין נחמה. צוליב ייִדישער אייביקייט טאָר מען נישט פאַרקוקן די אמתן פון ייִדישער באַלדיקייט: פונדעסטוועגן אַן דעם גלויבן אין ייִדישער אייביקייט, וואָלט אונדזער באַלדיקייט נישט אויסגעהאַלטן. אָן דער הבטחה פון גאולה וואָלט אונדזער אומה דערטרונקען געוואָרן אין ימען פון יאוש, פאַרצווייפלונג; אָן דעם פּראָלאָג צו דער זאַמלונג „איך וויל אַזוי לעבן״ און אָן דעם עפּילאָג „ווידער וועט אויפגיין דאָס לעבן״ וואָלט געווען אומקום. באַלדיקייט און אייביקייט, די טראַגישעווירקלעכקייט און די „אויסגעבענקטע שעה״ — ביידע דימענסיעס פון ייִדישן גורל זענען פאַראַן אין די לידער.

די זאַמלונג, אייגנטלעך די אַנטאָלאָגיע, באַשטייט פון פערציק לידער איינגעטיילט אין פינף גרופּעס: 1) עס ברענט; 2) געטאָ, דיך פאַרגעסן וועל איך קיינמאָל נישט; 3) דאָס עלנטע קינד; 4) אני מאמין; 5) מיר זענען דאָ. פערציק לידער — אין זייער באַזונדערקייט האָט איטלעך ליד זיין „פּנים״, און זיין זין, זיין נוסח און זיין ניואַנס, אַרויסגעכאַפּט און געשטאַלטיקט פון דעם אַלגעמיינעם צער און צאָרן, פון דעם אַלגעמיינעם מוט און גלויבן, ווי זייער צייכן אויף דער פּסיכיק פון דעם שרייבער. אין זייער צוזאַמענדיקייט פאַרשווינדט די צאָל פערציק, וואָס איז אַן אַריטמעטישער חשבון, ווו יעדער נומער איז ווי אַ מחיצה, אַ וואַנט, צווישן דעם פריערדיקן און דעם שפּעטערדיקן און עס באַקומט זיך אַ גאַנצקייט, ווו איטלעך ליד איז ווי אַ סטראָפע פון אַן איינהייטלעכן געזאַנג, פון אַן איכה, אָבער נישט בלויז דורכגעדרונגען פון עצבות, נאָר אויך באַשטראַלט מיט בטחון. און די פינף גרופּעס ווערן שוין איצט פינף פּרקים פון אָט־דעם איינהייטלעכן געזאַנג.

ס׳רוב לידער אין דער זאַמלונג האָבן דעם אַראָמאַט פון פאָלקס־לידער, דעם איינפאַכן אַראָמאַט פון גראָז און היי אויפן פעלד. ס׳איז נישט קיין קראַנץ בלומען, סיידן קלייניקע שטעקעלעך מיט אַ בלעטעלע אָדער צוויי, וואָס וואַקסן אַרום די קברים אויף אַ בית־עולם. די לידער דערנענטערן זיך צום מהות פון פאָלקס־לידער דערמיט וואָס זיי דריקן אויס די סאַמע געמיינשאַפטלעכסטע געפילן און שטימונגען פון וויי און פרייד, פון בענקשאַפט אַהיים און ליבשאַפט פאַר אייגענע, פון דער שרעק און האָפענונג, פון מענטשן אין קיינעמס לאַנד וואָס באַמבלען זיך צווישן לעבן און טויט. דאָס פאָלק שרייבט נישט קיין לידער; דאָס טוען יחידים. נאָר וואָס־זשע־דען, די יחידים שעפּן די געפילן און שטימונגען פון אַ קוואַל וואָס געהערט דעם פאָלק, פון אַ ברונעם וואָס איז פול מיט די טרערן, מיט די אָנגעזאַמלטע טרערן סיי פון צער און סיי פון גליק. און דאָס פאָלק ווערט אַ שותף צו די לידער, מען גיט צו און מען נעמט אַראָפּ, עס שאַפן זיך וואַריאַנטן, און אויף דעם אופן ווערט עס פאָלקס־ליד.

אַפילו אַזעלכע דיכטערס ווי ש. קאַטשערגינסקי, ז. סעגאַלאָוויטש, ישעיה שפּיגל, משה קנאַפּהייס, האָבן דערוואָרבן, איטלעכער, אַ נישע פאַר זיך אין אונדזער היכל הנגינה.

„מיר זענען דאָ — לידער פון די געטאָס און לאַגערן״ דאַרף זיך געפינען אין יעדער ייִדישער היים. אין דער הקדמה שרייבט אליעזר וויזעל: „אויב ייִדן האָבן צווישן פאַלנדיקע מויערן אויסגעזונגען זייער צער און זייער עקשנות, צי מעגן מיר זיין טויב צו זייער לידער?״ חנה מלאַטעק און מלכה גאָטליב האָבן צוגעגרייט דעם מאַטעריאַל. ס׳איז פאַראַן אַן ענגלישע טראַנסליטעראַציע און אַ קאָמפּעטענטע ענגלישע איבערזעצונג פון ראָזלין ברעזניק־פּערי, אָבער אַזאַ אויסדרוק ווי קידוש־השם דאַרף בלייבן אין ענגליש אויך KIDDUSH HASHEM און נישט IN GOD'S NAME וואָס איז אומריכטיק און וואַקלדיק.

ד״ר עזריאל נאַקס

# לידער פון חורבן און האָפענונג

די זאַמלונג הייסט: „מיר זענען דאָ". אַזוי איז עס געזען ווען הירש גליק האָט געשריבן דאָס ליד אין דער ווילנער געטאָ, און ס'איז געוואָרן דער הימן פון די פאַרטיזאַנער, און עס ווערט געזונגען ביי אַלע יזכור־אסיפות. פון די וואָס זענען געווען פאַרן חורבן זענען זעקס מיליאָן אומגעבראַכט געוואָרן פון דעם טייוולאַנישן שונא. ס'איז אויך פאַראַן אַן אונטערקעפּל: „לידער פון די געטאָס און לאַגערן". פאַרוואָס נישט „לידער פון גיהנום"? וואָלט אַזאַ אונטערקעפּל נישט געווען פּאַסיקער, עכטער? איז דען פאַראַן אַ חילוק צווישן די פייערן פון די קרעמאַטאָריעס און די פייערן אין גיהנום? און אויב דאָס אונטערפעקל איז דווקא „לידער פון די געטאָס און לאַגערן" און נישט „לידער פון גיהנום" איז דער ענטפער טאַקע פאַראַן אין הירש גליקס עקזאַלטירטן הימן: „זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". די וויזיע פון דעם דיכטער און דער פּאַטאָס פון דעם נביא פאַראייניקן זיך אין דער מעכטיקער מאָנונג, אין דעם אויפציטערנדיקן אויסרוף:

פון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז ווייסן לאַנד פון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
און ווו געפאַלן איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

און מיטן אויסרוף איז דאָ די בשורה, מיט אַ פאַרוויגנדיקער מוזיק אין איין שורה און מיט אַ קרעפטיקן ריטעם אין דער צווייטער:

קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זענען דאָ!

אויפן שוועל פונעם גיהנום — אין דאַנטעס עפּישער פּאָעמע — איז געווען אויסגעקריצט דער ביטערער גזר: „די וואָס טרעטן אַריין אַהער, לאָזן איבער אַלע האָפענונגען אויף יענער זייט". אונדזערע ברידער און שוועסטער האָבן נישט מפקיר געווען זייערע האָפענונגען, האָבן נישט אויפגעהערט צו וואַרטן אויף דער אויסגעבענקטער שעה. און ס'איז געווען ווי טראָפּנס טוי אויפן גומען ביי אַ דאַרשטיקן. אויך דאָס איז אַ טייל פון דער ירושה וואָס זיי האָבן אונדז געשאָנקען אויף אַלע דורות. און דאָס איז דאָך געווען הירש גליקס לויטערער געבעט:

נאָר אויב פאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר —
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

אין גיהנום איז נישטאָ די טרייסט, אויף צוטוליען זיך צו איר, און שעפּטשען צו זיך און צו די אַרומיקע: „קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה".

ס'איז מן־הסתם נישט על־פּי־צופאַל וואָס חנה מלאַטעק און מלכה גאָטליב, וואָס האָבן צוגעגרייט די זאַמלונג, האָבן אויסדערוויילט ווי אַ פּראָלאָג דאָס ליד — „מיין צוואה". פאַראַן אין דעם די הויפּט־מאָטיוון פון אַלע לידער. אין די סאַמע פּשוטסטע ווערטער, ציכטיקע און שטילע, און דאָך ווערטער ממעמקים, פון די טיפענישן. אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געווען אַ כאָראַלער געזאַנג פון אַלע זעקס מיליאָן, וואָס אַכט אויף פאַר אונדז זייער געמיט — אין די אַנגסטן פון פּחד און אין דער דערהייבנקייט פון גייסטיקער גבורה. די יידישע באַיאַונג פון לעבן — פון איוב אין תנ"ך ביז די קדושים פונעם חורבן — מערקט זיך שוין אין דער ערשטער שורה: „איך וויל אַזוי לעבן". און ס'איז כמעט אַזוי ווי אַ קינד וואָלט אויסגעשטרעקט דאָס הענטעלע און מיט אַ זיסער נאַיווקייט געזאָגט: „עס ווילט

---

וויסן איז אַבסטראַקט און אָן לעבן.
„פאַוסט" פאַרנעמט זיך מיט אַנטוויקלונג און פּראָגרעס.

געטע האָט דערקלערט דעם דערפאָלג פון „פאַוסט" מיטן זאָג, אַז „פאַוסט" איז צוגעפּאַסט פאַר אַלע ציטן. כאָטש די וועלט האָט אַנדערע מלחמות צו פירן, ווי אין געטעס ציטן, דער באַגריף פון גליק און צרות בלייבט ביי דער מענטשהייט דער זעלבער.

שפּינאָזעס פילאָסאָפיע, אַז גאָט און נאַטור איז דאָס זעלבע — איז פאַר געטען אָננעמבאַר. אַזוי ווי שפּינאָזע איז אויך געטע אַ פּאַנטעאיסט. געטע רופט אָן די נאַטור „די קיינמאָל נישט אַלטווערנדיקע מוטער"

„וואָס קאָן דער מענטש מער געווינען
נאָר דאָס אַז גאָט — נאַטור צום מענטשן
זיך אַנטפּלעקט"

די נאַטור איז פאַר געטען דער קוואַל פון דער קינסטלערישער שאַפונג און אידייען:

„נאַטור און אידייע לאָזן זיך נישט אָפּטיילן — אָדער די קונסט, אָדער דאָס לעבן וועט ווערן צעשטערט".

אין פאַרמעסט מיט דער נאַטור, מוז דער קינסטלער אַריינברענגען עפּעס גייסטיקס, געבן דאָס ווערק אַזאַ כאַראַקטער וואָס מאַכט עס אי נאַטורעל און אי גייסטיק.

„פאַוסט" איז אַן אויסדרוק פון געטעס וועלט־אַנשויאונג, ווי געטע האָט געזען די וועלט און זי געוואָלט דערקלערן.

אַרום די ביכער „איוב" און „פאַוסט" איז אין משך פון יאָרן אויסגעוואַקסן אַ גרויסע ליטעראַטור, וועלכע וועט וואַרשיינלעך אין די קומענדיקע דורות נאָך מער באַרייכערט ווערן מיט נייע פילאָסאָפישע געדאַנקען.

מגר. בן־ציון פעלדשוה

# איוב און פאַוסט

איוב איז א בוך אין תנ״ך. דער ענגלישער פילאָסאָף קאַרלייל שרייבט וועגן דאָזיקן ווערק: „דאָס בוך איז אַזוי צאַרט און גרויס, ווי אַ מיט זומער־נאַכט, ווי די וועלט, די רוימען און שטערן; אַ גאָבעלער בוך, וואָס געהערט צו אַלע מענטשן אין דער וועלט״.

אַן אַמעריקאַנער קאַרל קאַרנול, אין זיין אריינפיר צו די ספרים פון דעם אַלטן טעסטאַמענט שרייבט: „דאָס איז איינס פון די וווּנדערלעכסטע דערגרייכונגען פון דעם מענטשנס גייסט. איוב געהערט צוזאַמען מיט דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע״, און געטעס „פאַוסט״, צו דער וועלט ליטעראַטור״.

דער אינהאַלט פון בוך „איוב״ איז בקיצור אַזאַ:

ס׳האָט געלעבט אַ מאַן איוב אין לאַנד עוץ. ער איז געווען אַ גאָטס־פאַרכטיקער מאַן. ווען גאָט פרעגט דעם שטן זיין מיינונג וועגן איובן, באַקומט ער אַן ענטפער:

— איוב איז דיר נישט געטריי. איוב איז צופרידן מיט דיר, ווייל דו באַזאָרגסט אים מיט רייכקייט און געזונט. ער האָט נאָר אין זינען דעם מאַטעריעלן נוצן. אויב דו וואָלסט עס אַוועקגענומען, און איוב וואָלט געליטן צרות און פּיין, וועט ער דיר מער נישט זיין געטריי...

גאָט דערלויבט דעם שטן אַוועקצונעמען אַלץ פון איובן, אַנשיקן אויף אים קרענק. בלויז איינס פאַרבאָט ער אים: צונעמען איובן דאָס לעבן.

אין זיין אָרעמקייט, פיזיש צעבראָכן בלייבט איוב טריי גאָט. ער פאַרלאַנגט בלויז אַן ענטפער, פאַרוואָס א רעכטפאַרכטיקער מענטש ווערט געפייניקט. איוב איז זיכער, אַז ער האָט קיינעם נישט באַעוולט, אַז ער איז ריין פון זינד. דעריבער רופט ער גאָט צו א דין־תורה.

איינער פון זיינע פריינד לייגט אים פאָר, ער זאָל אַנאַליזירן וואָס הייסט גוטס און וואָס הייסט שלעכטס.

ווי אַזוי האָט איוב געקאָנט וויסן, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט?

האָט ניטשע דען נישט געלערנט, אַז ווען אַ מענטש ליידט צרות און האָט שוין נישט מער קיין פריד אין לעבן, דעמאָלט דאַרף דער גוטער מענטש העלפן אים שטאַרבן־...

איובס פרוי איז געווען איבערציגט אין דער ריכטיקייט פון דער פילאָסאָפיע:

— לעסטער גאָט — ראָט זי איובן — און שטאַרב. אָבער איוב נעמט נישט אָן די עצה. איוב האָט תמיד געהאַלטן אַז שכל און פאַרשטאַנד זענען די גרעסטע געשאַנקען פאַרן מענטש. דעריבער וויל ער אַן ענטפער פון גאָט, ער זאָל פאַרשטיין די סיבה.

לאַנגזאַם אָבער פאַרלירט איוב די האָפענונג צו קריגן א לאָגישע אויפקלערונג און קומט צום אויספיר, אַז: „קיין מענטש ווייס נישט דעם וועג צום פאַרשטאַנד״.

קיערקעגאַרד *) האָט באַשאַפן אַ פּרינציפּ פאַר מענטש און גאָט: „וואָס מער איך פאַרשטיי און קלער וועגן גאָט — אַלץ ווייניקער פאַרשטיי איך אים״.

ענדלעך באַקומט איוב זיין ענטפער פון גאָט:

עס איז לאָגיש און פאַרשטענדלעך, אַז די אידיי פון אַריינגעמען דאָס בוך „איוב״ אין תנ״ך האָט נישט געהאָט פאַר אַ ציל די באַשרייבונג פון לעבן פון אַן אומגליקלעכן מענטשן.

עס איז מעגלעך, אַז די אויסטייטשונג איז באַגרענעצט צו דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם און די טראַגעדיע פון דעם יידישן פאָלק, ווי אונדזער פילאָסאָף און תנ״ך אויסטייטשער — מאַרטין בובער קומט צום אויספיר.

ס׳איז קלאָר, אַז דער תמצית פון דעם פּראָבלעם וואָס ווערט אַזוי גרינטלעך באַרירט, דרינגט אַריין אין דעם גאַנצן פּראָצעס פון מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן אין מענטשלעכן לעבן.

*

ווען נאַפּאָלעאָן האָט באַגעגנט געטען, האָט ער געזאָגט:

דאָס איז דער מענטש!

געטע איז אָן שום ספק געווען געניאַל און זיין דראַמע „פאַוסט״ איז פון אַ ספּעציעלער באַדייטונג.

„פאַוסט״ באַשטייט פון צוויי טיילן. דעם ערשטן טייל האָט געטע געשריבן במשך פון 30 יאָר. דעם צווייטן טייל האָט ער פאַרענדיקט האַרט פאַר זיין טויט. „פאַוסט״ הויבט זיך אָן מיט דעם „פּראָלאָג אין הימל״. אַזוי ווי אין „איוב״. דער כאָר פון מלאכים זינגען גלאָריע צו גאָט. דער כאָר איז באַוווּנדערט וועגן דער שיינקייט פון דער וועלט און איר באַשאַף.

מעפיסטאָ הויבט אָן רעדן צו גאָט:

— דו ווילסט מיך זען צווישן דיינע מלאכים. נאָר אַנטשולדיק מיר, איך קאָן נישט האַלטן אַזוינע רעדעס וועגן גליק. דער מענטש איז אומגליקלעך. ער וואָלט געפלויגן צום הימל, נאָר ער קריכט אין גראָז.

דער מענטש פאָדערט פון הימל די שענסטע שטערן און פון דער ערד פאַרלאַנגט ער די העכסטע לוסט און קיין נאָענטקייט און קיין ווייטקייט באַפרידיקט נישט זיין טיף באַוועגטע ברוסט״.

גיט גאָט איבער פאַוסטן אין די הענט פון מעפיסטאָ, וועלכער דאַרף אים געבן די מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט כישוף.

פאַוסט איז זאַט מיט דעם אַקאַדעמישן לערנען, וועלכן ער האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן.

מיט כישוף, האָפט ער, וועט ער פאַרשטיין, ווי אַזוי דער וועלט־סיסטעם אָפּערירט. טעאָרעטיש דאָס צו פאַרשטיין, איז ווייניק. וויסנשאַפט מוז זיין געבויט אויף עקספּערימענטן.

---

*) ס. קיערקעגאַרד — דענישער פילאָסאָף און טעאָלאָג. 1813 ־ 1855.

פון דערגרייכונגען אויף פארשידענע געביטן פון וויסנ־שאפט און טעכניק און די אומגעהויער פארגעשריטענע מיטלען פון פארשטענדיקונג דורך פרעסע, ראדיא, טע־לעוויזיע און טוריזם זענען גובר די באריקאדן פון שפראך, נאציע און נאציאנאליזם. פון דער אזוי ארום געשאפענער טאלעראנץ צווישן פעלקער געניסן מיר, ייִדן, צומערסטן, ווייל מיר זענען געווען תמיד די באעוולטע פון דער פריער הערשנדיקער אומטאלעראנץ.

עס איז א קללה צו ווערן גערודפט און א ברכה צו פילן זיך גלייכבארעכטיקט — ווער קען דאס אזוי גוט אפשאצן ווי אונדזער דור וואס האט פארזוכט ביידע? לעבנדיק אין פוילן האבן מיר געחלומט וועגן נישט ווערן מער פארפאלגט אלס ייִדן. דאס איז אבער געווען נישט מער ווי א חלום פון ייִדישע סאציאליסטן וועלכע האבן געהאפט — וועט פארווירקלעכט ווערן מיטן קומען פון סאציאליזם. און ציוניסטן — מיט דער רעסטאוראציע פון א ייִדישע מלוכה אין פאלעסטינע. דער חלום איז פארווירקלעכט געווארן. די ייִדן לעבן אלס גלייכבארעכ־טיקטע בירגער אין די לענדער פון מערבדיקן ליבעראלן קאפיטאליזם, און אין ישראל לעבן אן ערך דריי מיליאן ייִדן אין א ייִדישע מלוכה. דאך, אזוי ווי עס געשעט כמעט שטענדיק: די ווירקלעכקייט הארמאניזירט נישט מיטן טרוים. מיר זענען נישט צופרידן, ווייל מיר זען נישט דעם המשך. מחוץ ישראל זען מיר: אונדזערע קינדער זענען ווייניקער ייִדן פון אונדז; אונדזערע אייניקלעך — נאך ווייניקער; אונדזערע אור־אייניקלעך און די ווייטערדיקע דורות — ווער ווייסט?...

אויב עס גייט וועגן ישראל איז נישטא דארט קיין מורא פאר אסימילאציע, אבער צי וועט דארט געדייען און פארגעזעצט ווערן א פול־בלוטיקע ייִדישע קולטור, אזוי ווי מיר קענען פון פוילן? די קינדער פון דעם מאדערנעם ישראל האבן נישט נאר נישט געוואלט איבערנעמען די אידייען און ווערטן פון דעם מזרח־איראפעאישן ייִדנטום, נאר די האבן זיך פון דער דאזיקער קולטור אפגעשאקלט, מורא האבנדיק אז די גלות־פסיכיק וועט שטערן דער אנט־וויקלונג פון א מאדערנער מלוכה. היינט, טראץ דעם וואס דאס פוילישע ייִדנטום עקזיסטירט נישט מער, זעט זיך נישט פאר אז ישראל זאל איבערנעמען זייער קולטור־ירושה; זי וועט, ווארשיינלעך, שאפן אן אייגענע קולטור. עס שיינט אז אין דער צוקונפט וועלן די איינוווינער פון דער ייִדישער מלוכה האבן ווייניק שייכות מיט דער קול־טור פון אומגעבראכטן פויליש־ייִדישן ישוב; אפשר נישט קיין סך מער שייכות ווי די איצטיקע איינוווינער פון מצרים, גריכנלאנד און איטאליע האבן מיט די גרויסע קולטורן געשאפענע דורך זייערע אור־אור־זיידעס.

צו פאראפראזירן א פראזע פון ענגלישן פאעט ט. ס. עליאט: אונדזער ייִדישע קולטור איז נישט אומגעקומען פון דעם קלאפ, וועלכן זי האט באקומען, אבער זי גייט אויס ביסלעכווייז מיט א קרעכץ. היטלער האט אונדזער פאלק געגעבן א שוידערלעכן קלאפ: עס איז אים געלונגען אומצוברענגען פיזיש זעקס מיליאן ייִדן, אבער ער האט נישט געקענט פארברענען אין די אויוונס אונדזער קולטור. איצט גייט זי אויס אליין...

מיר זענען א גלות־פאלק. אין משך פון אונדזער לאנ־גער, דריי און א האלב טויזנט יאריקער געשיכטע האבן מיר געהאט מלוכישע זעלבסטשטענדיקייט נאר דורך פארהעלטנישמעסיק קורצע פעריאדן. אונדזער פאלקס־כאראקטער איז געשטאלטיקט געווארן אין באדינגונגען פון צעשפרייטונג צווישן אנדערע פעלקער. טיילמאל האבן מיר געמאסן פון טאלעראנץ, און פראספעריטי, אבער מערסטנטייל זענען מיר געווארן פארפאלגט. שטענדיק, ווען די באדינגונגען זענען געווען גינסטיקע פאר אונדז, פלעגן זיך אנהויבן צו מערקן טענדענצן פון אסימילאציע און אויסמישונג צווישן די פעלקער. אזא איז אויך די לאגע איצט.

אונדזער דור האט עמיגרירט אין לענדער פון וווילשטאנד. נאך די יארן פון וואגלעניש, טויט־געפארן, און געדענקענדיק די ארעמקייט אין פוילן פאר דער מלחמה, איז דאס געווען א נאטירלעכער שריט. ערשט נאך דעם ווי מען האט זיך איינגעארדנט — איינער בעסער, א צווייטער א ביסל ערגער, אבער יעדער לעבנדיק מאטעריעל פילפאכיק בעסער ווי אמאל אין פוילן — האט מען זיך ארומגעקוקט (ווען עס ענדיקט זיך דער הונגער פון מאגן הייבט זיך אן דער הונגער פון גייסט): וואס וועט זיין מיט אונדזער קיום? צי וועט אלץ, אין וואס מיר האבן געגלויבט און וואס האט באשטימט אונדזער אידענטיטעט פארפאלן ווערן?

דער פאקט איז, אז נישט דער שטיגער־לעבן פון פויליש־ייִדישן ישוב קען ווייטער אנגיין, און נישט זיין קולטור קען פארגעזעצט ווערן אין די באדינגונגען אין וועלכע מיר לעבן איצט. א גרויסער טייל פון די קומענדיקע דורות וועט זיך, ווארשיינלעך, אסימילירן — צי דורך געמישטע חתונות צי אויף אנדערע אופנים; א קלענער טייל וועט זיך אינטעגרירן מיט די נייע קולטורן אין וועלכע זיי וועלן זיך אויסלעבן. בארייכערנדיק די דאזיקע קולטורן דורך דעם בייַשטייער וועלכן זיי וועלן צו־טראגן, וועלן אונדזערע יורשים גלייכצייטיק פארהיטן פון אונטערגאנג און פארגעסונג לכל־הפחות א טייל פון אונדזערע אייגענע קולטור־ווערטן. אזא פראצעס קען מען שוין אבסערווירן אין גאנג און די לענגער־איינגעזעסענע ייִדישע ישובים, ווי צ. ב. אין די פאראייניקטע שטאטן.

אפשר וועלן אין דער צוקונפט נישט זיין מער קיין ייִדן — אבער די אידייען, וועלכע ייִדן האבן בייגעשטייערט צו דער מערב־ציוויליזאציע, וועלן לעבן נאך לאנג, לאנג...

---

**פארן אינהאלט פון די ארטיקלען זענען פאראנטווארטלעך די מחברים גופא.**

---

אַנהויב. הראיה — אַט לעבן מיר נאָך אַלץ אין אַ דעמאָקראַטישער וועלט, איז דערפֿאַר די כלומרשטע נביאות פֿון אָרוועלן נישט מקוים געוואָרן.

אָרוועל איז נישט געווען קיין פּאָליטישער נביא און נישט קיין סאָציאָלאָגישער אַנאַליטיקער. ער האָט אָבער יאָ געזען, ווי ווייט מען קען מיט דער הילף פֿון „טאָפּל־שפּראַך" באַהערשן מוחות און דערפֿאַר האָט ער אַזוי ענערגיש געוואָרנט אין זיין שרייבן. ס׳איז אמת, אַז מיר לעבן נאָך אין אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג, נישט באַהערשט פֿון קיין „געדאַנק־פּאָליציי". דאַקעגן קענען מיר זען, ווי איין לאַנד נאָכן אַנדערן פֿון דער א״ג „דריטער וועלט" פֿאַלן אַרונטער אונטער דער השפּעה פֿון טאָטאַליטאַרע רעזשימען, מערסטנס „מאַרקסיסטישע", אָבער אָפֿט אויך, ווי אַ קאָנטער־מיטל, דורך רעכטע מיליטערישע דיקטאַטאָרן. אָרוועל האָט אין 1948 נישט פֿאַרגעזען, אַז גאַנץ מזרח־אייראָפּע וועט זיך „סטאַביליזירן" אין אַ פּערמאַנענטער סאָוויעטישער הערשאַפֿט־זאָנע און יעדער פּרווו צו באַפֿרייען זיך פֿון דעם „גרויסן ברודער", ווי אַזוי אָרוועל האָט ריכטיק באַצייכנט סאָוויעט־רוסלאַנד, וועט דערטרונקען ווערן אין אַ ים פֿון בלוט. די „אומרוען" אין מזרח־דייטשלאַנד (1953), אין אונגאַרן (1956), אין טשעכיע (1968) און די כסדרדיקע פּרוּוון פֿון פּוילישן פֿאָלק זיך צו באַפֿרייען פֿון דער סאָוויעטישער הערשאַפֿט, זענען אַ באַווייז אַז אָרוועלס נביאותן איז אַ כסדרדיקער פּראָצעס וועלכער הערט נישט אויף צו באַאומרואיקן די באַהערשטע פֿעלקער.

אויך ביי אונדז אין אויסטראַליע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ קאַמף מיטן אָרוועליזם אַ ריי זשורנאַליסטן. דער „עידזש", וועלכער גייט אַדורך אַ לינקע „קינדער־קראַנקהייט", האָט געעפֿנט זיינע שפּאַלטן קעגן דזשאָרדזש אָרוועלס „פֿאַלשע נביאות". דער „לינקער" פֿראַנק האַרדי, אַן אַלטער באַקאַנטער פֿונעם „לינקן פֿראָנט", האָט איצט אַרויסגעלאָזט אַ בוך א״נ „דאָס באַנעמעניש פֿון אָסקאַר אָסוואַלד" — „די אָבסעשיאָן פֿון אָסקאַר אָסוואַלד", וואָס איז אויך אַן אָנפֿאַל אויף אָרוועלס „1984". אויך אַנדערע זשורנאַליסטן באַמיען זיך צו פֿאַרמינערן אָרוועלס אומדערמידלעכע דעמאַסקירונג פֿון דעם סאָוויעטישן טאָפּעלאַרט רעדן און פֿאַלשע פּראָפּאַגאַנדע; פֿון רעדן וועגן שלום און גרייטן זיך צו מלחמה; אָדער רעדן וועגן אַנטוואָפֿענונג (פֿאַר אַמעריקע) בעת זי אַליין האָט אומגעהויער פֿאַרגרעסערט איר וואָפֿן־אַרסענאַל אין „קאָנווענציאָנעלן" וואָפֿן, אין ים־פֿלאָט און אין אַטאָמישן געווער. אין דער זעלבער צייט טוען אירע פֿרייוויליקע (אָדער אפֿשר נישט אַזוי פֿרייוויליקע) אַגענטן פֿירן אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע קעגן אַמעריקעס אַטאָמישער באַוואָפֿענונג, מאַכנדיק זיך דערביי פֿאַרגעסן וועגן דער גרויסער באַוואָפֿענונג וואָס רוסלאַנד האָט דורכגעפֿירט זינט דעם סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און דאָס אויפֿן חשבון פֿון די לעבנס־אינטערעסן פֿון איר אייגענעם פֿאָלק, אויסשפּרייטנדיק איר אימפּעריע ווייט און ברייט איבער דער גאַנצער וועלט.

אין מיינע אויגן איז אָרוועל געבליבן אַ גרויסער שרייבער, וועלכער האָט גוט געזען די טאָפּעלע שפּיל פֿון די קאָמוניסטן אין שפּאַנישן בירגער־קריג. ער איז געווען און געבליבן אַן אמתער סאָציאַליסט, אוודאי נישט לויטן געשמאַק פֿון אַ גרויסער צאָל פֿון די היינטיקע לינקע אינטעלעקטואַלן, וועלכע זענען געוואָרן די אידעאָלאָגן פֿון „טאָפּל־רעדנסאַרט" — פֿון זאָגן איינס און מיינען פּונקט דאָס פֿאַרקערטע.

לייענט אָרוועלס ווערק און איר וועט זען די גרויסקייט פֿון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן שרייבער און קעמפֿער.

---

י. קאַפּע

# א ניכטערער בליק אויף אונדזער קיום און המשך

(אַזוי ענדיקט זיך — נישט דורך געוואַלט, נאָר מיט אַ קרעכץ...)

ווען מען קוקט זיך צו צו דער געשיכטע פֿון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, זעט מען ווי עס פֿאַרגייען מעכטיקע פֿעלקער וואָס האָבן געשאַפֿן רייכע קולטורן, ווי די בבלים, מצרים, גריכן, רוימער — דערמאָנענדיק נאָר אַ טייל פֿון די פֿאַרגייער פֿון אונדזער מערב־ציוויליזאַציע. דאָס יידישע פֿאָלק איז אין דעם פּרט כמעט דער איינציקער אויסנאַם.

אמת, מיר זענען נישט די זעלבע יידן ווי עס זענען געווען די עברים מיט דריי און אַ האַלבן טויזנט יאָר צוריק — מיר זענען באַאיינפֿלוסט געוואָרן פֿון דער זיך בייטנדיקער אומגעבונג, אָבער מיר האָבן שטענדיק, ביי אַלע באַדינגונגען, איינגעהאַלטן עפּעס פֿון דער צענטראַלער אידיי, וועלכע האָט אונדז קאָנסאָלידירט אַלס פֿאָלק.

פֿעלקער האָבן פֿאַרמאָגט טעריטאָריעס, מלוכה־אַפּאַראַטן, איינהייטלעכע שפּראַכן — אַלץ וואָס פֿאַרזיכערט דעם קיום פֿון אַ נאַציע — און דאָך זענען זיי פֿאַרשוווּנדן פֿון דער געשיכטלעכער אויבערפֿלאַך. יידן האָבן די דאָזיקע שוץ־מיטלען נישט פֿאַרמאָגט. פֿאַרקערט: זיי זענען געווען צעשפּרייט איבער צענדליקער לענדער צווישן פֿאַרשידענע פֿעלקער; זיי זענען געוואָרן גערודפֿט, אויסגעהרגעט, פּאָגראָמירט; אינקוויזיציעס. דאָך האָבן זיי דורכגעשפּאַנט אַלס פֿאָלק דריי און אַ האַלבן טויזנט יאָר מענטשלעכע געשיכטע.

איצט שטייען מיר אויף אַ שייד־וועג. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע זענען יידן איך אַ גרויסן טייל פֿון דער וועלט באמת עמאַנציפּירט. דער פֿריִער אויסטויש

הערשל באַכראַך

# דער קאַמף קעגן „1984״

ס׳איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1984 און פּסידאָ־לינקע שרייבער, זשורנאַליסטן און אינטעלעקטואַלן, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ קאַמף קעגן „1984״.. דאָס איז דאָס בוך פון באַקאַנטן ענגלישן שרייבער דזשאָרדזש אָרוועל, וועלכער האָט אין 1948 אָנגעשריבן א בוך אונטערן נאָמען 1984 — קלאָר אַן איבערגעדרייטער נאָמען פונעם יאָר אין וועלכן דאָס בוך איז אָנגעשריבן. עס איז געווען אַ פּאַסיקער נאָמען, ווייל ער האָט ריכטיק פאָראויסגעזען די טענדענץ פון סאָוויעט־רוסלאַנד, און אירע אידעאָלאָגישע אונטערשטיצער, צו פאַרדרייען און איבערטייטשן דעם באַטייט פון ווערטער און געדאַנקען, כדי דערמיט צו פאַרדעקן דעם אמתדיקן מיין צו פאַרוואַנדלען פעלקער און לענדער אין טאָטאַליטאַרע לענדער אונטערן מאַנטל פון כלומרשטע לינקע און דעמאָקראַטישע פראַזן וועגן פריהייט און סאָציאַלן יושר.

דזשאָרדזש אָרוועל איז געווען אַן ענגלישער שרייבער, אָנהויבנדיק שוין פון יאָר 1920, אָבער אַ סאָציאַליסט, זאָגט ער, איז ער געוואָרן ווען ער האָט געקראָגן אַ קויל אין האַלדז אין שפּאַנישן בירגער־קריג אין מאַי 1937.

אָרוועל האָט נישט געהערט צו דעם מין שרייבער, וועלכע קעמפן פאַר זייערע מיינונגען און אידייען, זיצנדיק ביי זייער שרייב־טיש און קומען מיט זייער ווערק צו דעם פאַרלעגער. ווען ס׳איז אין יולי 1936 אויסגעבראָכן דער שפּאַנישער בירגער־קריג, איז ער אין דעצעמבער פון זעלבן יאָר שוין געווען אין די לענין־באַראַקן אין באַרצעלאָנאַ און זיך אָנגעשלאָסן אין דער מיליץ פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי פ.אָ.או.מ. („פּאַרטידאָ אָברעראָ דע אוניפיקאַציאָן מאַרקסיסטאָ״ — די פאַרטיי פון מאַרקסיסטישער איינהייט). זי איז באַקעמפט געוואָרן פון די קאָמוניסטן און טראָצקיסטן. זייער פירער איז געווען נין, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן גלייך ביים אָנהויב פונעם שפּאַנישן בירגער־קריג אָנגעהויבן צו באַהערשן די מיליטערישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון די אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער. ס׳האָט זיך באַקומען אַזוי אַרום, אַז אַנשטאָט צו קעמפן קעגן די פאַשיסטישע כוחות פון גענעראַל פראַנקאָ, האָבן די קאָמוניסטן געפירט א ביטערן קאַמף קעגן די אַנאַרכיסטן און טראָצקיסטן, וועלכע זענען געווען גענוג שטאַרק צו יענער צייט אין שפּאַניע. די רעכטע סאָציאַליסטן (קאַבאַלעראָ, פריעטאָ) האָבן אייגנטלעך נישט געשטערט די קאָמוניסטן און די אָנקומענדיקע אַגענטן זייערע פון פראַנקרייך און מאָסקווע. אָרוועל שטרייכט אונטער אין זיינע בריוו פון שפּאַניע, אַז די ידיעות וואָס ווערן געדרוקט אין די ענגלישע צייטונגען זענען הוילע ליגנס צוליב דער צענזור אין שפּאַניע.

נאָך דעם ווי אָרוועל איז פאַרווונדעט געוואָרן, האָט ער זיך באַפרייט פון די שפּאַנישע באַוואָפנטע קעמפער און זיך אומגעקערט קיין ענגלאַנד. דאָ האָט ער געפונען אַ צושטאַנד, אַז ס׳איז אים אוממעגלעך געווען צו געפינען א טריבונע אָדער אַ פאַרלעגער, וועלכע זאָלן פאַרעפנטלעכן זיינע אַרטיקלען וועגן דעם אמתן צושטאַנד אין שפּאַניע. קיינער פון די א. ג. לינקע האָבן נישט געוואָלט שטערן די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ בלוטיקן קאַמף מיט די רעכטע פון פראַנקאָס לאַגער.

פון די דאָזיקע דערפאַרונגען זענען געבוירן געוואָרן ביי אים זיינע אַנטי־קאָמוניסטישע איבערצייגונגען, אין וועלכע ער האָט מיט רעכט דערזען די נייע טאָטאַליטאַרע מאַכט וואָס רוקט זיך אָן אויף דער פּאָליטישער אַרענע אין דער גאַנצער וועלט. פאַר זיין בוך „כבוד פאַר קאַטאַלאָניע״ האָט ער קוים געקענט קריגן א פאַרלעגער. ווען ער האָט פּרובירט בעת דער מלחמה אַרויסטרעטן קעגן דער ענגלישער פאַררעטערישער פּאָליטיק לגבי פּוילן, האָט ער אויך נישט געקענט געפינען קיין פּלאַץ אין דער ענגלישער פּרעסע, וועלכע האָט אונטערגעשטיצט די טשערטשיל־אידען פּאָליטיק פון נאָכגעבן סטאַלינען און זיינע אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטן לגבי פּוילן, ווי אין מזרח־אייראָפּע בכלל.

זיין באַרימט בוך „די חיות פאַרם״ איז דערשינען אין יאָר 1945, וווּ אויפן ביישפּיל פונעם לעבן פון די חיות, גיט ער אַ בילד ווי אַזוי מען קען מיט דער הילף פון א פאַרדרייטער שפּראַך טאָן זאַכן וואָס זענען דער היפּוך פון אונדזער נאָרמאַל פאַרשטענדלעכער שפּראַך. אין יאָר 1949 איז דערשינען זיין בוך „1984״, וווּ ער זעצט פאָר ווייטער די טעמע ווי אַזוי מיט פאַרקערט אויסגעדריקטע געדאַנקען קען מען דורכזעצן די טאָטאַליטאַרע באַהערשונג פון דער וועלט. אין דער דאָזיקער אַרבעט זענען, פאַרשטייט זיך, זייער אָנזעעוודיק די אינטעלעקטואַלן און אַקאַדעמיקער, וועלכע קענען זייער גוט מיט דער הילף פון דיאַלעקטיש אויסגעדריקטע פראַזן מאַכן פון ווייס שוואַרץ און פאַרקערט.

פאַר אָט דער דרייסטקייט האָט דזשאָרדזש אָרוועל זיך איינגעקויפט די אַלגעמיינע קעגנערשאַפט און שנאה פון די קאָמוניסטן און די אַנדערע לינקע, כלומרשט נישט־קאָמוניסטישע שרייבער, וועלכע האָבן מיט רעכט דערזען אין אָרוועלן זייערס א געפערלעכן קעגנער. הגם אָרוועל איז געשטאָרבן אין יאָר 1950, אין עלטער פון 47 יאָר, גייט זיך נאָמען נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון אַלע ערנסטע זשורנאַלן און צייטונגען אין דער וועלט.

איצט, אַז עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1984, וואָס האָט לויט אָרוועל — ווי ער ווערט אויסגעטייטשט דורך די קאָמוניסטן און זייערע סימפּאַטיקער — געדאַרפט קומען די ענדגילטיקע פאַרניכטונג פון דער דעמאָקראַטישער וועלט דורך די לינקע טאָטאַליטאַריער, האָבן די קאָמוניסטן געקראָגן א גוטע געלעגנהייט צו באַנייען די אָרוועל־קאָנטראָווערסיע כדי דערמיט צו באַווייזן ווי ווייט נישט גערעכט עס איז געווען אָרוועל, גלייך פון

די דעמאָקראַטישע לענדער ווערן די מענטשן־רעכט רעספּעקטירט, אָבער אויסערלעך אין די קאָלאָניעס ווערט מענטשן־רעכט געמיסברויכט. ענגלאַנד, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע — די טרעגער פון דעמאָקראַטישע און מענטשן־רעכט אידעאַלן באַטראַכטן די הונדערטער מיליאָנען קאָלאָניאַלע באַפעלקערונג אַלס „נייטיווס". עקספּלאָאַטירן זייער ביליקע אַרבעט און אויך די טייערע אוצרות פון זייערע לענדער.

וואָס שייך סאָוויעט רוסלאַנד האָבן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער געשאַפן נאָך דער רעוואָלוציע אַ „סאַניטאַרן קאָרידאָר" אַרום די סאָוועטישע גרענעצן אויס מורא, אַז די שיינע אידייען פון גלייכהייט און פרייהייט און די מופתים פון די „פּיאַטילעטקעס" אינעם סאָציאַליסטישן גן עדן זאָלן חלילה נישט אָנשטעקן די באַפעלקערונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט...

אין די שפּורן פון דער צווייטער וועלט מלחמה האָט די סאָציאַליסטישע לעגענדע געפּלאַצט. דער סאָציאַליסטישער גן עדן האָט זיך אַנטפּלעקט אַלס אַ גולאַג־סיסטעם. אַזוי אַז דער סאָוויעטישער בלאָק האָט באַלד געשאַפן אַ „סאַניטאַרן קאָרידאָר" אַז די דעמאָקראַטישע אידייען פון מענטשן רעכט זאָלן נישט אָנשטעקן די סאָציאַליסטישע פעלקער.

דער צוועק פון די פּאָר קורצע שטריכן וועגן דעם געראַנגל און צושטאַנד פון מענטשן רעכט איז כּדי צו אונטערשטרייכן, אַז אין דער לאַנגער געשיכטע פון דער מענטשהייט, איז דער פּעריאָד פון רעספּעקטירן מענטשן רעכט זייער יונג און דער געאָגראַפישער שטח פון מענטשן רעכט פאַרהעלטנישמעסיק באַגרענעצט.

די ציוויליזירטע „קריסטלעכע וועלט" האָט נישט הינטער זיך קיין היסטאָרישע טראַדיציע פון מענטש־רעכט. אָבער די עוואָלוציע אויפן געביט פון מענטשן־רעכט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן סוף פון 18־טן יאָרהונדערט, דאָס באַזייטיקן די קריסטלעכע קירכע פון הערשאַפט און דירעקטן איינפלוס אויף דער ממשלה פון מלוכות, האָבן געשאַפן די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, וואָס זענען די בעסטע גאַראַנטיע און האָפענונג פאַר רעספּעקטירן מענטשן רעכט.

די דאָזיקע דעמאָקראַטישע רעזשימען זענען באַדראָט פון טאָטאַליטאַרע רעזשימען פון דרויסן און פון אינערלעכע צעשטערערישע ראַדיקאַלע עלעמענטן, וואָס „זעען אין יעדן שטרייק אַ מעגלעכע איבערחזרונג פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע" און חלומען צו זען די „נייע אַריסטאָקראַטיע" אויפן אַש פון די „פאַרפוילטע דעמאָקראַטיעס". זיי גלויבן, אַז זיי קאָנען ווערן די הערשער איבער דער אָרוועליאַנישער „אָצעאַניאַ".

## דזשאָרדזש אָרוועלס צוואה

דזשאָרדזש אָרוועלס בוך „ניינצן פיר און אַכציק" (דערשינען אין 1949) שילדערט אַ קאָשמאַרנע וועלט פון דריי טאָטאַליטאַרע רעזשימען, וואָס פירן צווישן זיך אַן אומענדלעכע מלחמה. די אויספיר אָרגאַנען זענען באַציכנט מיט אַזעלכע נעמען, ווי דאָס „מיניסטעריום פון אמת", „מיניסטעריום פון ליבע", „גוטדאַנקען פּאָליציי". די אָפיציעלע שפּראַך איז „ניוספּיק" (ניי־שפּראַך). „דאָבלטהינק" — אַ פּאַראָדיע פון דער לעניניסטישער דיאַלעקטיק: „מלחמה איז שלום", „פרייהייט איז קנעכטשאַפט" א.א.וו.

פּאַרטיי מיטגלידער און ביוראָקראַטן ווערן באַוואַכט טאָג און נאַכט (אַפילו אין שלאָפצימער) דורך דעם „גרויסן ברודער" מיט עלעקטראָנישע מיטלען. די מאַסן לוינט אַפילו נישט צו באַוואַכן מיט דעם „עלעקטראָנישן אויג". די מאַסן מעגן זיך באַנוצן נאָר מיט „דאַקספּיק" (קאַטשקע שפּראַך נאַכצופּלאַפּלען די אָפיציעלע פּראָפּאַגאַנדע פון „ניוספּיק").

דער יחיד, וואָס פּרוּווט אויסצודריקן זיין אינדיווידואַליטעט (ווינסטאָן סמיט) ווערט פאַרפיניקט און צעבראָכן, ווי אין אַרטור קעסטלערס „פינצטערניש אין מיטן טאָג", אַ שילדערונג פון דער סטאַליניסטישער ווירקלעכקייט, שפּעטער באַשטעטיקט אין סאָלזשעניצינס „גולאַג אַרכיפּעלאַגאָ".

דזשאָרדזש אָרוועל שפּילט זיך נישט אין אַ נביא, אין דעם זין, אַז דאָס אַלץ וועט געשען אין 1984. ער האָט אין זינען געהאַט אַן אַנדער קעפּל „דער לעצטער מענטש". ווען ווינסטאָן סמיט איז מודה אַז ער איז אינספּירירט פון דעם מענטשן־גייסט, זאָגט צו אים דער אינקוויזיטאָר אָ'בריען: „אויב דו ביסט אַ מענטש, ווינסטאָן, ביסטו דער לעצטער מענטש. דיין מין איז אויסגעשטאָרבן, מיר זענען די יורשים"... „דו ביסט אויסערהאַלב דער געשיכטע. דו עקזיסטירסט נישט"...

דאָס בוך איז אַ פּאַראָדיע, וואָס סימבאָליזירט דעם טראַגישן פאַרנעם פון מאַרקסיסטישן טאָטאַליטאַריזם. די טאָטאַלע עלימינאַציע פון אינדיווידואַליטעט.

אָרוועל שרייבט נישט וועגן משוגעים־שפּיטאָלן פאַר אַקטיוויסטן, וויסנשאַפטלער, וואָס וואָגן צו פאָדערן מענטשן רעכט, ווייל ער איז נישט געווען קיין נביא און אין סטאַלינס צייטן האָט מען אַזעלכע „משוגעים" ליקווידירט אויף אַן אַנדערן אופן.

עס שאַפט נישט קיין פאַרגעניגן צו באַטאָנען, אַז אָרוועלס „ניו ספּיק" און „דאַבל טהינק" האָט שוין געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער „יונעסקאָ" (יו־ען אָרג. פאַר קולטור, בילדונג און וויסנשאַפט). די יונעסקאָ פאָדערט צו ענדערן דעם באַגריף „אינדיווידועלע מענטשן רעכט" מיט אַ נייעם באַגריף „פאָלקס רעכט". אין אָרוועליאַנישן נוסח „פאָלק" — מיינט „דער גרויסער ברודער", „טיראַניע איז פרייהייט פון יחיד".

הייַנט, אין יאָר 1984 עקזיסטירט שוין די טעכנאָלאָגיע וואָס קאָן אַ סוף מאַכן צום פּריוואַטן לעבן און מענטשן רעכט, אויב אַ פּאָליטישער רעזשים וועט אַזוי דעצידירן.

דער געוו. פרייהייטס קעמפער אין שפּאַניע, טובערקולאָז קראַנק, האָט געהאַט אַ מאָטיווירונג פאַר זיין לעצטן בוך, אַ צוואה, וואָס ליגט אין דעם מוסר השכל פון זיין פּאַראָדיע: וואַכזאַמקייט און קאַמף פאַר מענטשן רעכט כל זמן עס איז נישט צו שפּעט.

פֿאַר יידן איז דער באַגריף „עמאַנציפּאַציע באַוועגונג" סינאָנים מיט דעם געראַנגל פֿאַר יידישע מענטשן רעכט.

דאָס איז היסטאָריש פֿאַלש. עמאַנציפּאַציע שטאַמט פֿון אַ לאַטייניש וואָרט „עמאַנציפּאַציאַ". דאָס מיינט די באַפֿרייאונג פֿון אַ שקלאַף.

דער באַגריף „עמאַנציפּאַציע" איז אַריינגעגאַנגען אין דעם סאָציאַל־פּאָליטישן ווערטערבוך צום סוף פֿון 18־טן יאָרהונדערט אין אַן ענין, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט יידן. דער קאַמף פֿון די אירישע קאַטאָליקן פֿאַר פּאָליטישע און רעליגיעזע גלייכבאַרעכטיקונג איז באַצייכנט געוואָרן מיט דעם נאָמען „קאַטוילישע עמאַנציפּאַציע". די קאַטאָליקן אין ענגלאַנד און אירלענד האָבן דערגרייכט זייערע אַספּיראַציעס אין 1828. די „טריידיטס שבועה" אינעם אַנגליקאַנישן נוסח, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט די אויסגעוויילטע קאַטאָליקן צו פֿאַרנעמען זייער פּלאַץ אינעם ענגלישן פּאַרלאַמענט איז געענדערט געוואָרן מיט אַן אַלגעמיינע קריסטלעכע שבועה.

ערשט אין דעם צוזאַמענהאַנג איז אויפֿגעשווומען די יידן פֿראַגע. אין יענער צייט זענען יידן געבוירן אין ענגלאַנד געווען ענגלישע בירגער. אָבער די אַלגעמיין קריסטלעכע שבועה האָט נישט דערלויבט באַראָן ליאָנעל ראָטשילד, אויסגעוויילט צום פּאַרלאַמענט אין 1847, צו פֿאַרנעמען זיין פּלאַץ אינעם פּאַרלאַמענט. דער געראַנגל פֿאַר פֿולע פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג פֿון יידן אין ענגלאַנד האָט זיך אַנטוויקלט, לויט דעם קאַטוילישן מוסטער, אונטער דער לאָזונג „יידישע עמאַנציפּאַציע". די לאָזונג האָט זיך איבערגעטראָגן אויפֿן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. דער יידישער היסטאָריקער פֿון יענע צייטן מאַרקוס יאָסט האָט די לאָזונג באַצייכנט: „אַ קורץ אָבער אַ שטאַרק און איינדרוקספֿול וואָרט".

דער דורכברוך אויפֿן געביט פֿון אַלגעמיינע מענטשן רעכט איז געקומען צום אויסדרוק אין דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און אין איר „פֿרייהייטס־אַקט" („ביל אָף רייטס") פֿון 1789, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַאיינפֿלוסט די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע און געלאָזט אין גאַנג די פֿרייהייטס באַוועגונג פֿאַר מענטשן רעכט אויפֿן אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

די נאָבעלע אידייען פֿון לאָק, טאָלאַנד און פֿראַנצויזישע פֿילאָסאָפֿן האָבן געשטאַלטיקט דעם טעקסט פֿון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע.

דער ערשטער פּאַראַגראַף פֿון דעם „פֿרייהייטס אַקט" גאַראַנטירט אַבסאָלוטע פֿרייהייט פֿאַר יעדער רעליגיע. דער שטאַט האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט אַ וועלכער עס איז רעליגיע, פֿרייע פּרעסע, פֿרייע שפּראַך א.א.וו.

דאַרף מען מער?... אָבער דיווירקלעכקייט איז נישט געווען אַזוי רוז. אין די דרום שטאַטן איז דער שקלאַפֿן־סיסטעם געווען אַן עטאַבלירטע אינסטיטוציע. פֿיר הונדערט טויזנט ווייסע אַמעריקאַנער זענען געווען אייגנטימער פֿון די מיליאָנען נעגער. גלחים פֿון קריסטלעכע קירכעס זענען געווען אייגנטימער פֿון זעקס הונדערט און זעכציק טויזנט שקלאַפֿן. נישט קיין וווּנדער, באַטאָנט טשערטשיל אין זיין „געשיכטע פֿון די ענגליש רעדנדיקע פֿעלקער" (זייט 121 באַנד 4), אַז „די קריסטלעכע גלחים האָבן געפּרעדיקט אין דער קירכע, אַז דער שקלאַפֿן־סיסטעם איז באַשטימט פֿון דעם באַשאַפֿער און פֿאַרהייליקט אין דער „גאָספּעל פֿון קרייסט"...

אמת די צפֿונדיקע שטאַטן זענען געווען „פֿריי". אָבער ווען אַ שקלאַף (וואָס זיין אייגנטימער האָט אים מיטגענומען, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין דעם „פֿרייען" צפֿון) האָט געפֿאָדערט געריכטלעך זיין פֿרייהייט, האָט דאָס העכסטע געריכט אַרויסגעגעבן אַן אורטייל אין 1857, אַז „די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע איז געמאַכט געוואָרן נאָר פֿאַר ווייסע מענטשן"... און „אַ נעגער האָט בכלל נישט קיין רעכט אַנצוקלאָגן אין אַן אַמעריקאַנער געריכט"...

אַט אַזוי האָבן אין דער ווירקלעכקייט אויסגעזען „מענטשן רעכט" זיבעציק יאָר נאָך דער פּראָקלאַמאַציע פֿון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און איר „פֿרייהייטס־אַקט".

ערשט אין 1870 האָט אַ צוגאָב („אַמענדמענט") צום „פֿרייהייטס־אַקט" בפֿירוש פֿאַרזיכערט די פֿונדאַמענטאַלע מענטשן רעכט פֿאַר דער קאָלירטער באַפֿעלקערונג. טראָץ דער דאָזיקער קאָנסטיטוציאָנעלער צוגאָבע זענען די נעגער נישט אַקצעפּטירט געוואָרן געזעלשאַפֿטלעך און די פּראַקטישע דיסקרימינאַציע איז אָנגעגאַנגען ביז אונדזערע צייטן.

אין דעם געשיכטלעכן איבערבליק וועגן מענטשן רעכט איז וויכטיק צו דערמאָנען אַז אין דעם שקלאַפֿן האַנדל האָט ענגלאַנד, וואָס שטאָלצירט מיט איר „מאַגנאַ קאַרטאַ" פֿון 1215, פֿאַרנומען דעם ערשטן אָרט און פֿראַנקרייך מיט איר טראַדיציע פֿון „פֿרייהייט און גלייכהייט", דעם צווייטן אָרט. ווען דער שקלאַפֿן האַנדל האָט פֿאַרלוירן דעם לוקראַטיוון עקאָנאָמישן ווערט (נאָכן אָפּשאַפֿן דעם שקלאַפֿן סיסטעם אין אַמעריקע) האָט ענגלאַנד אויסגענוצט דעם פֿאַרבאָט פֿון שקלאַפֿן האַנדל כדי צו דעראָבערן די אַפֿריקאַנער לענדער אונטער דעם אויסרייד: עלימינירן דעם שקלאַפֿן האַנדל אין די דאָזיקע לענדער.

בכדי זיך צו שאַפֿן אַ פֿול בילד וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון מענטשן רעכט מוז מען באַטאָנען, אַז טראָץ די אידעלע אידייען פֿון ראַציאָנאַליזם האָט אין אייראָפּע נאָך אַלץ געהערשט דער סיסטעם פֿון לייבאייגענע. די פּויערים זענען געווען קנעכט, געזעצלעך צוגעבונדן צום באָדן, וואָס דער לאַנדבאַזיצער האָט געהאַט אַ רעכט צו פֿאַרקויפֿן צוזאַמען מיטן לאַנד. און די פּויערים זענען דאָך נישט געווען קיין „פֿרעמדע", נאָר איינגעבוירענע, געהערט צום זעלבן פֿאָלקסשטאַם. צו דער זעלבער רעליגיע. זייער עמאַנציפּאַציע האָט געמאַכט לאַנגזאַמע פֿאַרשריטן אין ניינצענטן יאָרהונדערט.

דער פּעריאָד ביז צום סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה כאַראַקטעריזירט זיך מיט דעם, אַז אינערלעך אין

און איז מאַכטלאָז אין דער אויספירונג פון זײַנע אורטיילן. נישטאָ קיין אינטערנאַציאָנאַלער שעריף.

די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונג אָפּצוהיטן מענטשן רעכט איז די שוואַכסטע, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען, ווייל די מדינות, וואָס פאַרגוואַלטיקן מענטשן רעכט באַטראַכטן די מענטשן־רעכט אָנגעלעגנהייטן אַלס אַן אינערלעכן ענין און וואַרפן אָפּ יעדע קריטיק אַלס אַ נישט הערלאָזבאַרן פרוּוו אַרײַנצומישן זיך אין די אינערלעכע ענינים דורך אויסערלעכע פאַקטאָרן.

ווען מיר נעמען אין באַטראַכט די קליינע מינדערהייט פון די דעמאָקראַטישע לענדער אין דער גרויסער וועלט פון די „פאַראייניקטע פעלקער“ זעען מיר ווי שמאָל די מענטשהייט שטייט מיט מענטשן רעכט.

די גאָר גרויסע מערהייט פון פעלקער האָבן טאָטאַליטאַרע רעזשימען, אין וועלכע „פרייע וואַלן“ זענען אַ צינישער חוזק, ווי דער סאָוויעטישער בלאָק, וואָס נעמט אַרום סאָוויעט רוסלאַנד און אירע סאַטעליטן מדינות. כינע און אַ גאַנצע רייע לענדער פון דער אַזוי־גערופענער „דריטער וועלט“.

עס ליגט שוין אין דער סטרוקטור פון די מאַרקסיסטישע טאָטאַליטאַרע רעזשימען, אַז די גאַנצע 100 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג איז באַרויבט פון פּאָליטישע רעכט און די פיזישע זיכערקייט פון יעדן יחיד איז אָפּהענגיק פון דעם חסד פון די רעזשים־אָרגאַנען.

אָבער נישט נאָר אין דער קאָמוניסטישער וועלט ווערן די מענטשן רעכט פאַרגוואַלדיקט. אין אַ גאַנצער רייע קאַפּיטאַליסטישע מדינות איז די לאַגע אויפן געביט פון מענטשן רעכט נישט אַ סך בעסער און אין אַ טייל לענדער נאָך ערגער, ווי אין די קאָמוניסטישע מדינות.

אין דרום אַפריקע הערשט אַ ראַסן רעזשים פון דער ווייסער מינדערהייט. די שוואַרצע, די מערהייט אינעם לאַנד, פאַרמאָגן איבערהויפּט נישט קיין פּאָליטישע רעכט. אין אַלע אַנדערע הינזיכטן דערמאָנט דער צושטאַנד די אַלטע קאָלאָניאַלע צייטן.

אין אַ רייע דרום אַמעריקאַנער לענדער הערשן טיראַנישע רעזשימען. אַ הערשאַפט פון ברוטאַלן טעראָר און גוואַלט־טאַטן. ספּעציעלע „טויט טרופּן“ הרגענען טויזנטער ציווילע מענטשן אײַנשליסלעך פרויען און קינדער. מענטשן ווערן פאַרכאַפּט און פאַרשווינדן. — אין אַנדערע לענדער, ווי למשל דרום קאָרעע ווערט יעדער פרוּוו פון פּאָליטישער אָפּאָזיציע ברוטאַל דערשטיקט.

די אַראַבישע לענדער מיט לינקע אָדער רעכטע רעזשימען זענען אַ באַזונדערע גרופּע לענדער, וואָס פאַרגוואַלדיקן די מענטשן רעכט. אין סיריע האָט דער „לינקער“ רעזשים פון כאַפעז אַסאַד (פון דער אַלאַווי מינדערהייט) דערהרגעט צוואַנציק ביז דרייסיק טויזנט סוני מוסולמענער (וואָס געהערן צו דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג) אין דער שטאָט האַמאַ. אין סאַודי־אַראַביע וואָס איר רעזשים ווערט באַצייכנט אין דער מערב־וועלט אַלס „מעסיק“ ווערן הענט אָפּגעהאַקט פאַר גניבה. פרויען ווערן פאַרשטיינערט פאַר געשלעכט חטאים. שקלאַפן האַנדל ווערט טאָלערירט.

אין איראַן הערשט אַ בלוטיקער איסלאַמישער רעזשים פון טעראָר און גוואַלט טאַטן. עקזעקוציעס פון קינדער ווערן אָפיציעל באַרעכטיקט אין נאָמען פון גאָט.

די אַלע שוידערלעכע מיסברויכן פון מענטשן רעכט אין די מאַרקסיסטישע לענדער, אין דרום אַפריקע, דרום אַמעריקע, אין די איסלאַמישע לענדער, זענען בלאָס אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין קאַמפּוטשיאַ, ווו דער מאַרקסיסטישער רעזשים פון פּאָל פּאָט האָט אומגעבראַכט צווי ביז דריי מיליאָן מענטשן פון זייער אייגענער פאַרהעלטענישמעסיק קליינער באַפעלקערונג.

דאָס איז געשען צוליב אידעאָלאָגישע טעמים. די פּאָל פּאָט מושלים האָבן געלערנט פון נעאָ־מאַרקסיסטישע לערער אין די סאָציאָלאָגישע פאַקולטעטן פון דער סאָרבאָן, אַז אַן אמתער מאַרקסיסטישער גן עדן קען געשאַפן ווערן נאָר ווען די גאַנצע באַפעלקערונג וועט ווידער אָנהייבן מיט לאַנד אַרבעט אין די פעלדער. האָבן זיי אַרויסגעטריבן די באַפעלקערונג פון די שטעט צו די פעלדער אָן שום פאַרבאַרייטונגען. אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן סאַניטאַרע איינריכטונגען. דאָרט אין די פעלדער, אין די היצן און מאָנסון־רעגנס זענען מיליאָנען מענטשן אומגעקומען פון הונגער, קראַנקהייטן און מאַסן־עקזעקוציעס.

זיצנדיק אין אַ באַקוועמען פאָטעל און באַטראַכטנדיק דעם גלאָבוס פון דער וועלט זעען מיר ווי איינגעשרומפּן זענען די לענדער אין וועלכע מענטשן רעכט זענען רעספּעקטירט און ווי נאָענט די גאַנצע וועלט שטייט פאַר דזשאָרזש אָרוועלס שוידערלעכע וויזיע „1984“. אויב די וועלט וועט זיך באַצייטנס נישט אויסניכטערן.

## „מענטשן־רעכט“ — אַ ביסל געשיכטע

דער סאָציאַל־פּאָליטישער באַגריף „מענטשן רעכט“ האָט זיך קריסטאַליזירט אין דעם פּעריאָד פון ראַציאָנאַליזם. אין יאָר 1689 שרייבט דזשאָן לאָק, אין זײַן „בריוו באַטרעפנד טאָלעראַנץ“, אַז „קיינער, אַפילו אַ ייד טאָר נישט אויסגעשלאָסן ווערן פון ציווילע רעכט צוליב זײַן רעליגיע“. דזשאָן טאָלאַנד, אין „די סיבות פאַר נאַטוראַליזאַציע פון ייִדן“ (1714) שרייבט „ציווילע רעכט דאַרפן געגעבן ווערן צו אַלע מענטשן“... „די מענטשלעכע נאַטור איז פּרינציפּיעל די זעלבע“.

דאָס זענען די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון ראַציאָנאַליזם. די אַזוי גערופענע אייביקע אמתן („וועריטע דע רעזאָן“), וואָס דאַרפן נישט קיין באַווייזן אין קעגנזאַץ צו היסטאָרישע אמתן („וועריטע דע פע“) וואָס נייטיקן זיך אין באַווייזן.

טראָצדעם וואָס די טעאָריעס פון לאָק און טאָלאַנד זענען געווען איידעאַלירטע און האָבן נישט באַאײַנפלוסט די ווירקלעכקייט אין זייערע צייטן, זייערע אידייען האָבן אָבער געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער עמאַנציפּאַציע באַוועגונג.

ד״ר מ. פערשטענדיק

# מענטשן־רעכט

## — אויפן ראַנד פון דזשאַרדזש אָרוועלס „ניינצן פיר און אַכציק״

וואָס מיינט מענטשן רעכט? אויף אַזאַ שאלה וועט ענטפערן אַ ייד: ווער ווייסט נישט, וואָס מענטשן רעכט איז?...

אַ פאַקט איז, אַז יעדער ייד ווייסט: יידן זענען באַרויבט געוואָרן פון זייערע מענטשן רעכט זייט דעם פערטן יאָרהונדערט, ווען די קריסטלעכע קירכע איז געקומען צו דער מאַכט אין רויב ביז צו דער עמאַנציפּאַציע אין מערב אייראָפּע; ביז צום פאַלן פון צאַרישן רעזשים אין רוסלאַנד; ביז צו יציאת גולים פון די אַראַבישע לענדער נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה.

דער נאַצישער רעזשים איז געגאַנגען ווייטער. נישט נאָר זענען די מענטשן רעכט פון יידן פאַרגוואַלטיקט געוואָרן. די נאַציס האָבן צוגענומען פון די יידן דאָס רעכט פון לעבן. דאָס לעבנס רעכט.

אַזוי ווייסט אַ יעדער ייד וואָס עס מיינט מענטשן רעכט פון דער נעגאַטיווער זייט, פון דער פאַרגוואַלטונג פון זיינע מענטשן רעכט. אין דער „ליידענס־געשיכטע דעס יידישען פאָלקעס״, ווי לעאָפּאָלד צונץ האָט באַצייכנט דעם טראַגישן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע אין גלות.

אָבער דער באַגריף „מענטשן־רעכט״, וואָס שיינט צו זיין אַזוי איינפאַך, איז אויך קאָמפּליצירט.

צוערשט דאַרף אויפגעקלערט ווערן, אַז דער באַגריף „מענטשן רעכט״ שפּיגלט נישט אָפּ די באַציאונגען בין אדם לחברו. די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש זענען רעגולירט אין די ציווילע און שטראָף קאָדעקסן.

דער באַגריף „מענטשן רעכט״ איז רעפלעקטירט אין די באַציאונגען צווישן דער מלוכה און מענטש.

דזשין קידקפּאַטריק (אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר צו דער יו־ען און פּראָפעסאָר פון פּאָליטישע וויסנשאַפטן), האָט ענטפערנדיק אויף אַ פראַגע פון א רעפּאָרטער „וואָס מיינט דער באַגריף מענטשן רעכט״? — אויפגעקלערט איר דעפיניציע פון דעם דאָזיקן באַגריף: „גרונטזעצלעך דענק איך וועגן די פונדאַמענטאַלע פרייהייטן, פרייע שפּראַך, פרייע פּרעסע, די הערשאַפט פון געזעץ״.

אַן אַנדערער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט עליאָט אייבראַמס האָט צוגעגעבן: „פרייע וואַלן זענען נישט פּשוט אַ מענטשן רעכט־ציל, זיי זענען דאָס מיטל, וואָס גאַראַנטירט אַז אויך אַנדערע מענטשנס רעכט זענען רעספּעקטירט. דערפאַר זענען פרייע וואַלן דאָס האַרץ פון דער מענטשן רעכט באַוועגונג״.

פון די אַרויסזאָגונגען פון די צוויי אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן איז צו זען, אַז מענטשן רעכט מיינט פּאָליטישע רעכט און ציווילע פרייהייטן.

דער אויסגאַנג פּונקט, אַ פּרוּוו צו דעפינירן דעם באַגריף „מענטשן רעכט״ שפּרייט זיך אויס אויף ווייטערע אַלגעמיינע באַגריפן, ווי „פּאָליטישע רעכט״ און „ציווילע פרייהייטן״ מיטן הויפּט פּילאַר „פרייע וואַלן״, אַלס מיטל אַז אַלע אַנדערע מענטשן רעכט זענען רעספּעקטירט.

פאַקטיש שוועבן די אַלע באַגריפן אין דער לופט, ווייל עס קאָן פּאַסירן אַז אַ מערהייט אין פרייע וואַלן זאָל זיך אַרויסזאָגן פאַר א רעזשים וואָס וועט דיסקרימינירן א מינדערהייט אין אירע „ציווילע פרייהייטן״.

אמת, אין 1948 האָבן די „פאַראייניקטע פעלקער״ אָנגענומען די אַזוי גערופענע „אוניווערסאַלע דעקלאַראַציע פון מענטשן רעכט״. שפּעטער זענען אָנגענומען געוואָרן די „דזשענאָסייד קאָנווענשאַן״, „דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך וועגן ציווילע און פּאָליטישע רעכט״, „דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך וועגן עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע רעכט״ „דער אָפּמאַך וועגן ראַסן־דיסקרימינאַציע״ א.אַ.וו.

אָבער די אַלע אינטערנאַציאָנאַלע דעקלאַראַציעס און אָפּמאַכן וועגן מענטשן רעכט האָבן אַ ווערט וען עס איז וועדט נאָר ווען די לענדער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די דאָזיקע דעקלאַראַציעס און אָפּמאַכן אינקאָרפּאָרירן זייער אינהאַלט אין דער לאַנד געזעצגעבונג.

נאָך וויכטיקער ווי אַלץ איז דער ווילן, דער פּריוואַטליקער ווילן פון די רעזשימען אין די דאָזיקע לענדער אָפּצוהיטן און רעספּעקטירן מענטשן רעכט פון זייער באַפעלקערונג אין פּראַקטישן לעבן.

עס איז נישט פאַראַן קיין אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַן, וואָס קאָן צווינגען אַ מדינה אָפּצוהיטן אַן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ אָדער אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונג. דער זיכערהייטסראַט פון דער יו־ען קאָן נישט אָננעמען קיין באַשלוס קעגן דער וועטאָ־שטימע פון איינעם פון די פינף פּערמאַנענטע מיטגלידער פונעם ראַט. דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געריכט אין האַאַג איז באַגרענעצט אין דעם פאַרנעם פון סכסוכים וואָס אינטערליגן זיין קאָמפּעטענץ

די סאָוויעטן, וועלכע באַקעמפן שאַרף דעם פּרעזידענט רעיגען און זיין פּאָליטישע איינשטעלונג מיט שרעקן און דראָען, קאָנען דערמיט דערגרייכן פּונקט דאָס פאַרקערטע, צו וואָס זיי צילן: די אָנגעשראָקענע אַמעריקאַנער ווילער וועלן זוכן דעם אַנטשלאָסענעם פּרעזידענט מיטן שטאַרקן ווילן, און ווידער וועלן זיי אויסווילן רעיגענען.

די ווירטשאַפטלעכע לאַגע אין דער מערב־וועלט האָט זיך פאַרבעסערט און ס׳איז צו דערוואַרטן, אַז אויך די פּאָליטישע לאַגע וועט זיך באַלאַנסירן.

אַ נישט־פאַרויסגעזעענער פענאָמען בלייבט די איסלאַמישע וועלט. צום גליק אָבער זענען די אַראַבער צופיל פאַרנומען מיט אינערלעכע רייבונגען, און יעדער לאַגער זוכט פאַרבינדעטע אין די מערבדיקע דעמאָקראַטיעס.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פֿון רעדאַקציע: “KADIMAH”, 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia

פֿעברואַר־מערץ 1984 נומער 1 (40) מעלבורן, אויסטראַליע

# 1984

דאָס סימבאָלישע פֿאַרגיין פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָר, ווערט געוויינטלעך פֿאַרגעשטעלט בילדלעך, ווי אַן אַלטער מאַן, אין אָפּגעשליסנטע קליידער, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, גייט אַראָפּ פֿון דער וועלט־אַרענע.

פֿון דער קעגנאיבערדיקער זייט באַווייזט זיך אַ נייגעבוירן קינד מיט אַ שמייכל און זיין אומשולדיקע נאַקעטקייט איז פֿאַרדעקט מיט דער קאַלענדאַרישער ציפֿער פֿון נייעם יאָר.

די ווירקלעכקייט אָבער אַקצעפּטירט די נאַקעטקייט פֿון פֿאַקטן און וואַרפֿט אָפּ די באַפֿוצונגען פֿון אויסגעבענקטן סימבאָליזם:

פֿון דעם דאַרפֿן מיר פֿאַרשטיין, אַז מיט דער נייער דאַטע נעמט דאָס יאָר אויך איבער די אַלטע פּראָבלעמען.

שוין די צווייטע וועלט־מלחמה דאָט אָנגעצייכנט די קאָנטורן פֿון די צווישן־מלוכהשע קאָנפֿליקטן, וועלכע האָבן אין זייער הינטערגרונט אידעאָלאָגישע אַמביציעס, און זיי זוכן עס צו באַפֿרידיקן מיט מיליטערישער קראַפֿט.

אין די אַכציקער יאָרן האָבן זיך פֿאַר אונדזערע אויגן אויסקריסטאַליזירט צוויי פֿאַנאַטישע אידעאָלאָגיעס — פֿונדאַמענטאַל אָפּאָזיציאָנעלע — וועלכע באַוועגן זיך פּאַראַלעל צו דעם זעלבן ציל — באַהערשן די וועלט.

דאָס זענען: דער אַטעאיסטישער קאָמוניזם און דער רעליגיעזער אולטראַ־פֿאַנאַטישער איסלאַם. אייגנטלעך האָט שוין איסלאַם אַ געשיכטלעכע דערפֿאַרונג אין באַהערשן אַ גרויסן טייל פֿון דער וועלט „דורך פֿייער און שווערד“. דער איצטיקער דראַנג איז די אַמביציע צוריקצוברענגען די אַמאָליקע גלאָריע.

די קאָמפּליצירטקייט, וואָס האַלט אויף די קאָנפֿראָנטאַציע פֿון בײדע לאַגערן באַשטייט קודם אין דעם, וואָס אַ צאָל מחולמענישע לענדער האָבן קאָמוניסטישע רעזשימען, און אַן אַנדער אַראַביש לאַנד, ווי סיריע למשל — איז געוואָרן אַ סאָוויעטישער שטיץ־פּונקט אין מיטעלן מזרח און איר עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק פֿון סאָוויעטישן גוטן ווילן.

די איינציקע מיליטערישע קאָנפֿראָנטאַציע איז דערווייל בלויז אַפֿגאַניסטאַן. כאָטש די צוויי לאַגערן האָבן נאָך נישט צו זייער דיספּאָזיציע די נייעסטע מיליטערישע פֿאַרניכטונגס־מכשירים (הגם מען נעמט אָן — טעאָרעטיש — אַז די סאָוויעטן פֿאַרמאָגן זיי יאָ) האָבן זיי אָבער געמאַכט אַ געוואַלדיקן שריט פֿאָרויס אין פּסיכאָלאָגישן געווער, דורך דעם וואָס זיי האָבן באַנומען אַז אַ זעלנער נויטיקט זיך נישט נאָר אין אַ גוט־פֿונקציאָנירנדיקע ביקס, נאָר אויך אין אַן אידייאישן ציל.

האָבן די אַמעריקאַנער (און צוזאַמען מיט זיי — די מערב־וועלט) נישט קיין פּרינציפּן פֿאַר וועלכע מען דאַרף קעמפֿן?

דער אונטערשיד איז אָבער אַ קאָלאָסאַלער: די מערב־אידעאָלאָגיע איז געבויט אויפֿן פּרינציפּ, אַז צוליב דער דעמאָקראַטיש־קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז כדאי צו לעבן, בשעת בײדע פֿאַנאַטישע באַוועגונגען אינטערפּרעטירן זייער אידעאָלאָגיע, אַז עס לוינט פֿאַר דער אידיי צו שטאַרבן.

אין אָט דער וועלט־שפּאַנונג, אין כסדרדיקן דרוק פֿון אַלע זייטן: ווו איז דאָס אָרט פֿאַר מדינת ישׂראל?

ישׂראל האָט אַ קלאָר בילד פֿון דער פּאָליטישער לאַגע, ווו יעדער צד וויל געווינען פּרעסטיזש אין די רייען פֿון קעגנער, דורך אויסאיבן אַ דרוק אויף ישׂראל פֿאַר קאָנצעסיעס. באַמיט זיך ישׂראל דעריבער אַנצוגיין מיט איר אייגענער פּאָליטיק, אַן אונטערשיד — וואָס די אַדער אַנדערע יידן אין דער וועלט טראַכטן, אָדער פֿילן.

מלוכה פּאָליטיק קאָן נישט באַווירט ווערן אויף סענטימענטן אָדער פּרינציפּן פֿון פּאַרטייאיש־אידעאָלאָגישער באַטראַכטונג. מלוכה פּאָליטיק ווערט דיקטירט פֿון רעאַליזם און די נויטווענדיקייט פֿאַרן לאַנד.

(די אויסטראַלישע לייבאָר רעגירונג אונטער באָב האָוק — צו איר שבח — פֿאַרשטייט עס זייער גוט).

מדינת ישׂראל — צוליב איר געאָגראַפֿישער לאַגע און פּאָליטישער קאָנסטרוקציע קען נישט נאָכטאָן דעם ביישפּיל פֿון שווייצאַריע, אַפֿילו ווען זי זאָל עס וועלן. במילא איז נאַטירלעך דער פֿאַקט, וואָס מדינת ישׂראל איז אַ טייל פֿון מערבדיקן לאַגער. דאָס איז דערווייל די בעסטע גאַראַנטיע פֿאַר איר עקזיסטענץ.

וואָס דערוואַרטן מיר פֿון יאָר 1984?

דאָס איז דער אַנטשיידענער יאָר פֿון פּרעזידענט־וואַלן אין אַמעריקע. פֿון אויסגעווילטן פּרעזידענט איז אָפּהענגיק ווי סטוועט אויסזען די אַדמיניסטראַציע און וועלכע פּאָליטיק זי וועט פֿירן.

# Jewish Cultural Centre and National Library "KADIMAH"

7 Selwyn Street, Elsternwick 3185
Telephone 523 9817

Dear Sir/Madam,
I have the honour, by direction of the Board of Directors of the "Kadimah", to request your attendance at the

## 72nd ANNUAL GENERAL MEETING

of the above Society, to be held on Sunday, 1st April 1984 at 8 p.m. sharp, in the new "Kadimah" building, 7 Selwyn Street, Elsternwick.

Yours faithfully
M. AJZENBUD
Hon. Secretary

BUSINESS:

1. Confirmation of Minutes of the previous Annual Meeting.
2. Reception and Adoption of Annual Report and Balance Sheet.
3. Election of Board of Management.
4. Any other business that may occur.

NOTE: Written nominations for Directors of the Board of Management should be lodged at the office of the "Kadimah", 7 Selwyn Street, Elsternwick, not later than Wednesday, 28th March 1984 by 5 p.m.

M. AJZENBUD
Hon. Secretary

# ייִדישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"

7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק, טעל. 523 9817

חשובער פֿרײַנד,

לויט די אינסטרוקציעס פֿון קאָמיטעט האָב איך דעם כּבֿוד צו פֿאַרבעטן איך

אויף דער 72־טער

## יערלעכער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג

פֿון „קדימה"

די פֿאַרזאַמלונג קומט פֿאָר זונטיק, דעם 1־טן אַפּריל 1984, 8 אָוונט, אין לעאָ פֿינק־זאַל פֿון „קדימה, 7 סעלווין גאַס, עלסטערנוויק.

מיט דרך־ארץ
מ. אײַזענבוד
ערן־סעקרעטאַר

טאָג־אָרדנונג:

1) איבערלייענען און באַשטעטיקן דעם פּראָטאָקאָל פֿון דער לעצטער יערלעכער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג;
2) באַשטעטיקן דעם יערלעכן באַריכט פֿון די געלט־רעכענונגען;
3) אויסוויילן אַ נײַעם קאָמיטעט;
4) אַנדערע ענינים וואָס װעלן עווענטועל אַרויס־געבראַכט ווערן.

באַמערקונג:

שריפֿטלעכע נאָמינאַציעס פֿון קאַנדידאַטן צום קאָמיטעט דאַרפֿן אַרײַנגעטראָגן ווערן אין סעקרעטאַריאַט פֿון „קדימה", 7 סעלווין גאַס, עלסטענוויק, נישט שפּעטער ווי ביז מיטוואָך, דעם 28־טן מערץ 1984, 5 נאָך מיטאָג.

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:


1
מ. א. — 84... 19 . . . . . . . . . . . . . . . . . 2
ד"ר מ. פערשטענדיק — מ... נטשן - רעכט . . . . . . . . . . . 6
הערשל באַכראַך — ד... ר קאַמף קעגן „1984" . . . . . . . . 7
י. קאַסע — א... ניכטערער בליק אויף אונדזער קיום און המשך . . . 9
מגר. בן־ציון פעלדשרה — א... וב און פאָוסט . . . . . . . . . . 10
ד"ר עזריאל נאַקס — ל... דער פון חורבן און האָפענונג . . . . . . 12
מ. אייזענבוד — ד... וועלט — דורך די אויגן פון אַ דאָקטער . . . . 13
ל. אַלשיכאַ — ...ער סטאַכאַנאָווער מישאַ גאָלדשטיין . . . . . . 16
צ. שטראַוד — ...יין פאָלק (ליד) . . . . . . . . . . . . . . 17
י. מ. לעוויז — ...יי לידער . . . . . . . . . . . . . . . 17
מ. — ...דער דור צינט זיין אייגענעם נר־תמיד . . . . . . . 18
ש. בענעס — ... פאָר ווערטער וועגן שרייבער אַלאַן מאַרשאַל . . . 19
...ילדער פון חורבן־מוזעאום . . . . . . . . . . . . . 20
...7־טער טעטיקייטס־באַריכט פון „קדימה" . . . .


פרייז פון נומער $1.50


אַרויסגעגעבן דורך ד... ...ער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע
מעלב... ...ר־בוערץ 1984